# יודישע מעלאדיען

אדער

# פאלקס לידער

ווילנא

שנת תרמ"ז לפ"ק

Б—ка вил. отд. ,,О
Шк
П...
№

Отд. 9

Б—ка вил. отд. „О. Р. Пр. м. Е. въ Р.“
969
шк 11
п- 10
№ 30

9

Библіотека
ВИЛЕНСКАГО ... НІЯ
О-ва ...
ме...

11 185

# יודישע מעלאדיען

אדער

# פאלקס ליעדער

רעווידזיע 1924

פערפאסט פון

ר' ש"י קאטצענעללענבאגען.

אויסגעוויילטע ליעדער. קופלעטען און פאבעלן פון זיינע פערפאסטע מהעאטערשטיק: „ר' ש"י". „אלחנן". „דאס פערלארענע קינד". „יהודית". „דער פיינער קבצן". „א שיינער משא ומתן". „קאמלעט פרינץ גגילאפיאטסקי" און אנדערע מעהר.

ווילנא

שנת תרמ"ז לפ"ס

Дозволено цензурою. — Кіевъ, 19 Августа 1886 г.

# ЕВРЕЙСКІЯ МЕЛОДІИ

или

# НАРОДНЫЯ ПѢСНИ.

сочиненіе

РАШИ КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА.

ВИЛЬНА

Типографія А. Г. Каценеленбогена.

Нѣмецкая ул. № 379—20.

1887.

pel. 1914 г. …сей Гир…
Шап…

# יודישע מעלאדיען

אדער

# פאלקס ליעדער

# אינהאלט


| № | | זייטע |
|---|---|---|
| 1 | אַנְשְׁטָאט אַ פָאְרְרֵיידֶע | VIII |
| 2 | נָאךְ הֵיינֶע | XI |
| 3 | דֶער אוּנְפַארְבֶּרֶענְטֶער דָאֹרְן | 1 |
| 4 | שְׁמַע יִשְׂרָאֵל | 4 |
| 5 | דֶער עַמוּד אֵשׁ | 8 |
| 6 | דָאס גֶעבֶּעט פוּן זַארַא | 10 |
| 7 | דָאס גֶעבֶּעט פוּן אֶלְחָנָן | 11 |
| 8 | דָאס שְׁמֶערְצְלִיעֶד (דֶער פֵיינֶער קַבְּצָן) | 13 |
| 9 | דָאס שַׁדְכֶן לִיעֶד (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 14 |
| 10 | לִיעֶד פוּן דֶעם קֶערְבֶּעל (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 15 |
| 11 | דָאס ט"ו בִּשְׁבָט לִיעֶד (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 17 |
| 12 | דָאס תּוֹרָה לִיעֶד (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 19 |
| 13 | דָאס טְרִיוּמְף לִיעֶד (יְהוּדִית) נָאךְ דֶער שִׁירָה פוּן דְבוֹרָה | 21 |
| 14 | דָאס פַאנַאטִישֶׁע לִיעֶד (קַמְפֶעט. פְּרִינְץ גְנִילָאפִּיאַטְסְקִי) | 24 |

| № | | זייטע |
|---|---|---|
| 15 | דָאס וַויין לִיעֶד | 26 |
| 16 | דָאס שַׁאחְרַייעֶן לִיעֶד (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 27 |
| 17 | לִיעֶד פוּן דֶעם שְׁטֶעקֶען (דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד) | 31 |
| 18 | דָאס יַאכְט לִיעֶד | 34 |
| 19 | דָאס רַייטֶער לִיעֶד (ר. ש. י.) | 35 |
| 20 | עֶרְצֵיילוּנְג (ר. ש. י.) | 36 |
| 21 | בֵּיינְקוּנְגְם לִיעֶד (ר. ש. י.) | 38 |
| 22 | דֶער אֶבְיוֹן (דֶער פֵּיינֶער קַבְּצָן) | 39 |
| 23 | דָאס יוּדֶעל (דֶער פֵּיינֶער קַבְּצָן) | 41 |
| 24 | זְמִירוֹת (אֶלְחָנָן) אִיבֶּערְזֶעטְצְט בָּרוּךְ אֵל עֶלְיוֹן | 44 |
| 25 | דָאס לוּסְטִיג לֶעבֶּען פוּן דיא פַארְצֵייטִיגֶע פְּרִיצִים | 47 |
| 26 | מַה יָפִית | 49 |
| 27 | עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל (אֶלְחָנָן) | 51 |
| 28 | דָאס פֶערְצְוֶויפְלוּנְגְם לִיעֶד | 53 |
| 29 | דָאס לִיעֶד פוּן דֶעם קְלוֹיזְנֶער | 55 |
| 30 | דָאס קְלַאגֶע לִיעֶד (הֶסְפֵּד) אוֹיף דֶאם יוּדִישֶׁע טְהֶעאַטֶער | 57 |
| 31 | אַ בְּרָכָה מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ | 60 |
| 32 | הֶבֶל הֲבָלִים | 63 |

| № | | זייטע |
|---|---|---|
| 33 | דאס מַשָׂא וּמַתָּן | 67 |
| 34 | אין אַלֶץ איז שולדיג נאר דער יוד | 69 |
| 35 | אַבְשִׁידס לִיעד | 72 |
| 36 | דער פָּאגְרָאם | 74 |
| 37 | דער זַאק (קְרִילָאוו) *) | 77 |
| 38 | דער גְבִיר אונ דער שוּסְטֶער (קְרִילָאוו) | 81 |


*) דער זאק. אונד דער גביר אונד דער שוסטער. אי״ צום פראבע איבערזעצט.

# אנשטאט א פארריידע.

א. יודען. יודען! איהר ווייסט. פאר וואס משיח קומט ניט אזוי לאנג?.. נײן?.. איהר ווייסט ניט?.. ט וועל איך אייך זאגען. אונזער הייליגע גמרא זאגט. „האומר דבר בשם אומרו. מביא גאולה לעולם“. דאס הייסט. ווען איינער זאגט א זאך אין דעם נאמען פון יענעם מענשען. וואס האט דיא זאך געזאגט. אדער וואס האט דיא זאך אויסגעקלערט. ברײנגט ער דיא גאולה (משיח׳ן) אויף דער וועלט. נאר, אזוי וויא אויף דער היינטיגער וועלט געפינען זיך אזעלכע פיינע מענשען. וואס דרוקען פרעמדע ווערק און גיבען זייא ארויס פאר זייער איינענע. דעריבער קען נאך דעם מאמר פון דער גמרא. משיח ניט קומען. איהר מיינט אפשר. ליבע ברידער. אז איך טרייב רכילות. לשון הרע. לצנות קאטאוועס? נײן. חלעבען נײן. אט הערט אויס. וואס מיט מיר אליין האט פאסירט. איך נוים ניט. וויא אנדערע ווערק ארויס געבער בעגייען זיך מיט דיא אָרעמע שרייבערליך מיט זייערע מיט ארבייטער. נאר מיט מיר האבען איינינע אזוי געמאכט. און מיינע איינינע ליעדער פאר זייערע איינענע ארויס געגעבען ט. זאגט איהם אליין. קען שוין אויף אזוי איין ארט משיח קומען?.. עס פארדריסט מיך זייער שטארק. וואס אזעלכע מענשען זאלען

--

זיך ערלויבען . אזוי א הימעלשרייענדעס אונרעכט צו טהון ! יא .
א יודען שלאגען . זיין איבערבעט אונ קישענס רייסען . זיין מעבעל
ברעכען . איהם פערפאלגען . פיינט האבען . אונטערדריקען אונ
איהם בערויבען . איז גאנץ רעכט ; נאר אוועק געהמען ביא איהם
זיין דעה . זיינע געדאנקען . זיין זינען . זיינע מעלות אונ זיינע השלמות .
נו . זאגט אייך וואס איהר ווילט . איז דאס ניט ערגער פאר אלע
פאגראמען אונ פאר אלע ראזבאיען אין דער וועלט ? ! נאך מעהר
וויא אלץ קרענקט מיך דאס וואס לא די וואס זייא האבען מיינע
פערפאסונגען פאר זייערע אייגענע ארדים געגעבען . האבען זייא
זייא נאך אזוי ענטשטעלט אונ פארדארבען . אזוי וויא איינער . וואס
גנבעט גוט געניייטע קליידער אונ מאכט זייא איבער אויף אזעלכע
זאכען . וואס בעקומען נאך דעם קיין פנים אונ קיין צורה ניט .
אונ אז מיינע ליעדער זיינען ווירקליך גוט פערפאסט . ווערסט דוא
דיך אליין איבערצייגען . ליבער לעזער . ווען דוא ווערסט זייא דא
אין מיין ליעדער–ביכעל לעזען . וויינגסטענס שטייען זייא א סך
העכער פאר דיא ליעדער . וואס אנדערע פערפאסער האבען ביז
איצט אין אונזער זשארגאן געשריבען . ווייל זייא זיינען
צוזאמענגעשטעלט געווארען נאך אלע געזעטצע אונ רעגעלען
(כללים) . וועלכע דיא קונסט פון דער פאעזיע פאדערט אונ ניט
אזוי וויא אנדערע אונזערע ארעמע פאעטען שרייבען . אז זייערע
ליעדער זאלען זיך נאר גראמען , דאס הייסט פארנט פיקס אונ
איינעווייניג ניקס . אבי עס זאל נאר זיין גראם . סטראם . אזעלכע
ליעדער הייסען נאר בדחנות . אבער ניט פאעזיע – אין איינינע
ליעדער פון א צוויא דרייא אונזערע זשארגאנשרייבער . געפינען
זיך אפילו שיינע געדאנקען ; נאר דיזע געדאנקען זיינען אין

—

בֶּעטְרֶעף פֿון דֶער פּאֶעזיע פֿיל מִיט פֶּעלֶער . ווייל זֵייא רֵייכֶען נִיט צוּגֶעפַּאסְט גֶעוָוארֶען צו דֶער מָאס אוּנ צום כַאסִיטַאב . ווִיא דִיא דִיכְטְקוּנְסְט פָּאדֶערְט פֿון אוּנְז אוּנ דֶערִיבֶּער קוּמְט אויס . אַזוֹי ווִיא דִיזֶע זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען וָואלְטֶען אַרוּם שְׁטְשַׁאגֶעלִירֶעט . ווִיא דָאס קְלֵיינֶע מוּזִשִׁיקֶעל פֶּעטְרוּשְׁקֶע אִין זַיין פַּאטֶענְס בֶּעלְץ אוּנ טְשַׁאבָּאטֶעם .

אדעססא

10 מאיי

1884

* * *

## נאַך הײַנֶע

דוּא וֶוערְסְט פֶּערְפָאלְגְט אוּנ נִיט גֶעלִיבְּט ׃
בְּלַייבּ דָאךְ דַיין פַיינְד גֶעטְרַייעֶר ׃
אוּנ וֶוען דַיין הֶערְץ אִיז שְׁטַארְק בֶּעטְרִיבְּט ׃
זָא נֶעהְם אִין הַאנְד דִיא לַייעֶר (כִּינוֹר) ׃

---

דִיא סְטְרוּנֶע שְׁפִּילְט אַ הֶעלְדֶענְלִיעד
מִיט זִינ אוּנ מִיט נְקָמָה ׃
בַּאלְד וֶוערְט גֶעקִיהְלְט דַיין כַּעַס. דַיין בְּלִיט
אוּנ גְרִינְג אוֹיף דַיין נְשָׁמָה ׃

# דֶער אוּנפַארְבְּרֶענְטֶער דָארְן. *)

1.

אִין גָלוּת דֶעם וִויסְטֶען.
וִויא אִין מִדְבָּר דֶעם פִּיסְטֶען.
גֶעפִינְט זִיךְ אַיין עֶלֶענְדֶער. אַיינְזַאמֶער דָארְן.
מִילְיָאנֶען מִיט צְוַוייגֶען
פוּן אִיהְם אַרוּים שְׁטַייגֶען.
וִדיא בְּרִידֶער צוּא זַאמֶענגֶעוַואקְסֶען גֶעוָוארֶען.
עְס שְׁטוֹיסֶען אִיהְם וִוינְדֶען
פוּן פָארְנְט אוּנ פוּן הִינְטֶען.
עֶר בֵּייגְט זִיךְ עֶר בּוּקְט זִיךְ אוּן גְלַייכְט זִיךְ אוֹיס וִוידָער
מְען רַייסְט אִיהְם דִיא זַייטֶען
אִין אַלֶערְלֵייא צַייטֶען.
דָאךְ קְרֶעפְטִיגְט עֶר בַּאלְד דִיא צוּבְּרָאכֶענֶע גְלִידֶער
עֶר בְּרֶענְט דוּרְךְ אִין פַייעֶר פוּן אָנְהוֹיבּ צוּם עֶנְד. —
דֶער דָארְן. דֶער דָארְן וֶוערְט דָאךְ נִיט פַארְבְּרֶענְט.

2.

וָואס וִויל דָא דֶער דָארְן ?״
שְׁרַייט יֶעדֶער מִיט צָארְן.

---

*) דָאס לִיעד אִיז פוּן ס׳ גְרִינְבְּלַאט אִיבֶּערְזֶעטְצְט גֶעוָוארֶען אוֹיף רוּס״ש אוּנ גֶעדְרוּקְט אִין דֶעם זְשׁוּרְנַאל וָואסְחָאד״. אִין בּוּךְ אַפְּרִיל 1884.

וָואס אִיז פַאר אַ וואוּנְדֶער מִיט אִיהְם דָא פָארְבּוּנְדֶען ?
וָואס לִיגְט פַאר אַ צוֹיבֶּער
אִין דֶעם פְלַאמֶענְרוֹיבֶּער .
עֶר קֶען אוּנְז נָאךְ אַלֶע מִיט פְלַאמֶען אָנְצִינְדֶען !
אִיהְר זָאלְט אַייךְ גוּט הִיטֶען
פַאר זַיין פַייָערְגְלִיטְהֶען !
אַהֶערְצוּ . אַהֶערְצוּ ! אָ . בְּרִידֶערְלַאךְ . גִיכֶער !
לֵייגְט נָאךְ פַייֶער אוּנְטֶער .
פַארְבְּרֶענְט אִיהְם גֶעשְׁוִוינְדֶער !
אִיהְר זָאלְט פַארְאִיהְם אַלֶע זַיין רוּהִיג אוּנ זִיכֶער !
פַארְגְרֶעסֶערְט דָאס פַייֶער . וִויא וַוייט אִיהְר נָאר קֶענְט ! . . .
דֶער דָארְן . דֶער דָארְן וֶוערְט דָאךְ נִיט פַארְבְּרֶענְט .

3.

„גֶעשְׁוִוינְד אַייֶרע שִׁיךְ !
אַרָאפּ וַוארְפְט פוּן זִיךְ !“
פוּן הִימֶעל אַ מַלְאָךְ הָאט בַּאלְד אוֹיס גֶעשְׁרִיהֶען .
דֶער דָארְן אִיז הֵיילִיג .
פוּן הִימֶעל אַ חֵלֶק .
דֶרֶךְ אֶרֶץ . רֶעסְפֶּעקְט פַאר זַיין בְּרֶענֶען אוּנ גְלִיהֶען !
עֶר וֶועט אַייךְ . אִיהְר וִוילְדֶען .
בֶּעלַייכְטֶען אוּנ בִּילְדֶען .
מִיט תּוֹרָה . מִיט בִּילְדוּנְג . וֶועט עֶר אַייךְ פַארְפַיינֶען .
פוּן גֶעצֶען . פוּן הֵיידֶען

ווָעט עֶר אַייךְ אָבְּשֵׁידֶען .
מִיט אֶמֶתֶן גְלוֹיבֶּען ווָעט עֶר אַייךְ פַארְשַׁייֶנֶען .
אִיהְר מֶעגְט טְהוּן אַלְדִינְג וואָס אָן אַייךְ אִיז גֶעווֶענְדט ;
דֶער דָארְן . דֶער דָארְן ווָעֶרְט דָאךְ נִיט פַארְבְּרֶענְט !

4.

עֶס זַייטֶען פַארְגַאנְגֶען
אִין קִימֶער אוּנ בַּאנְגֶען
פִיל הוּנְדֶערְטֶע שְׁווֶערֶע אוּנ פִינְסְטֶערֶע יָאהְרֶען !
דֶער דָארְן הָאט טְהַייֶער
גֶעהַאלְטֶען זַיין פַייֶער .
חָיִים אַלֶען בֶּעלַייכְטֶעט . זַיין מוּטְה נִיט פַארְלָארֶען .
הָאט זַיינֶע מִיסְיָאנֶען
עֶרְפִילְט בַּייא נַאצְיָאנֶען .
דָאךְ ווָערְט עֶר פֶערְפָאלְגְט . אוּנ פֶערְהַאסְט אוּנ גֶעטְרִיבֶּען !
אוּנ ווִיא דוּרְךְ דִיא נַארְהַייט
פֶערְפָאלְגְט ווֶערְט דִיא ווַארְהַייט .
אַזוֹי ווִיל אִיהְם קֵיינֶער נִיט אַכְטֶען . נִיט לִיבֶּען .
עֶר ווֶערְט נָאךְ גֶעלֶעסְטֶערְט . פֶערְשְׁוַועכְט אוּנ גֶעשֶׁענְדְט .
דֶער דָארְן . דֶער דָארְן ווֶערְט דָאךְ נִיט פַארְבְּרֶענְט .

5.

עֶס פְלַאקֶערְט זַיין פַייֶער ,
גֶעטְרַייֶער גֶעטְרַייֶער .

עֶר וֶוערְט נִיט עֶרְמִידֶעט. עֶר וֶוערְט נִיט פַארְמַאטֶערְט
דִיא פְלַאמֶענְדֶעצִינְגֶען
זִיךְ הֵייבֶּען אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען
דֶער דָארְן פַאר קֵיינֶעם נִיט פִירְכְטֶעט נִיט פְלַאטֶערְט.
אוּנ אַלֶען אָהְן מוֹרָא
פַארְטְהֵיילְט זַיין תּוֹרָה.
וָואס גָאט אִיהְם גֶעשֵׁיינְקְט הָאט דוּרְךְ דוּנֶער אוּנ בְּלִיצֶען.
דוּרְךְ מֹשֶׁה זַיין דִינֶער
דֶעם עֶרְשְׁטֶען רַבִּינֶער.
וָואס קְנִיט לֶעבֶּען אִיהְם. זַיינֶע קִינְדֶער צוּ שִׁיטְצֶען.
אוּנ אוֹיסְרוּפְט. אוֹיפְהֵייבֶּענְד צוּ גָאט זַיינֶע הֶענְד
״דֶער דָארְן וֶועט קֵיין מָאל נִיט וֶוערֶען פַארְבְּרֶענְט!״

—·:·—

# שְׁמַע יִשְׂרָאֵל

1.

פִיל צָרוֹת אוּנ פְּלָאגִי[illegible]
דֶעם יוּדֶען נָאכ[illegible]
[illegible]אגֶען.
אִיהְם אַמְהֶמֶען דִי[illegible] לוֹפְט נִיט עֶרְלוֹיבֶּען
שׁוֹין. דוּר[illegible]ט זִיךְ. נָאךְ אַלֶען.
עֶר אִ[illegible]ז שׁוֹין פַארְפַאלֶען.
עֶר קָע[illegible] שׁוֹין זַיין קָאפְּ נִיט אוֹיפְהֵייבֶּען
דָאךְ אַלֶעם. אוּנְשׁוּלְדִיג.

פַאַרְטְרָאגְט עֶר גֶעדוּלְדִיג
אוּנ הָאפְט רַק אוּנ הָאפְט צוּ זַיין גְלִיבֶּען:
יִשְׂרָאֵלִיק. אָ. הֶער. אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אַיינָער
פַאַרְנִיכְטָען. פַאַרְטִילִיגָען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער.

2.

עֶר קוּקְט נִיט אוֹיף גְזֵרוֹת
פוּן הוּנֶדֶערְטֶע דוֹרוֹת.
מִיט וֶועלְכֶע מֶען פְלֶעגְט אִיהְם בַּאשְׁטְרָאפֶען;
עֶר וֶוערְט נִיט אָבְהֶענְדִיג
אוּנ גֵייט זִיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג.
מִיט זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען גַאנְץ אָפֶען.
עֶר פִירְכְטֶעט פַאר קֵיינֶעם.
צוּ גָאט נָאר דֶעם אֵיינֶעם
אִיז גָאר זַיין פֶערְטְרוֹיעֶן אוּנ הָאפֶען:
יִשְׂרָאֵלִיק. אָ. הֶער. אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינֶער
פַאַרְנִיכְטֶען. פַאַרְטִילִיגֶען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער.

3.

מְלוּכוֹת פַאַרְשְׁוִוינְדֶען.
פִיל פָאלְק גֵייט צוּ גְרִינְדֶען.
דָאךְ אִיהְם אִיז גַאנְץ שְׁוֶוער צוּ פַאַרְנִיכְטֶען
עֶר טְרָאגְט זִיךְ זַיין תּוֹרָה.
אָהְן פַּחַד. אָהְן מוֹרָא

אוּנ הָערְט נִיט . וָואס פֶּעלְקֶער אִיהְם רִיכְטֶען .
אוֹיךְ אַלֶעמֶען לֶעהְרְט עֶר
דִּיא הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער .
טְהֵיילְט בִּילְדוּנְג זֵייא אוֹיס אוּנ גֶעשִׁיכְטֶען :
יִשְׂרָאלִיק . אָ . הֶער . אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער !
פַארְנִיכְטֶען פַארְטִילִיגֶען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער .

4.

דִּיא נַייסְטֶע גֶעזֶעצֶע .
-דִּיא טְהַייֶערְסְטֶע שֶׁעטְצֶע-
נָאךְ אוּנְזֶערֶע סְפָרִים אָנְדַייטֶען .
דִּיא שְׁקְלַאפֶען בֶּעפְרַייֶען .
דִּיא סוּדֶען דִיא נַייֶען .
גֶעוֶוען אִיז בַּייא אוּנְז נָאךְ פַארְצַייטֶען
„וָואס דִיר אִיז דֶערְווִידֶער
נִיט טְהוּן זָאלְסְט דַיין בְּרִידֶער“ .
גֶעבָּאטֶען וַואר לַאנְג אוּנְזֶערִין לַייטֶען :
יִשְׂרָאלִיק . אָ . הֶער . אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער !
פַארְנִיכְטֶען . פַארְטִילִיגֶען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער .

5.

הָאט אִיהְר נִיט . נַאצְיָאנֶען .
וִויא זַאפְט פוּן מֶעלָאנֶען .
דִּיא תּוֹרָה פוּן אוּנְז אוֹיסְנֶעצוֹיגֶען ?

אוּמְזִיסְט אַייֶער שְׁטְרֶעבֶּען
אוּנ מִיה זִיךְ צוּ גֶעבָּען.
עֶס שִׁירְמֶען אוּנְז הִימְלִישֶׁע אוֹיגֶען:
יִשְׂרָאֵלִיק. אָ. הֶער. אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינֶער!
פַארְנִיכְטֶען. פַארְטִילִיגֶען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער.

6.

אָ. גָאט וֶועט זַיין יוּדֶען
נִיט לָאזֶען אַבִּידֶען.
פוּן בְּלָאטֶע וֶועט עֶר אִיהְם אוֹיפְהוֹיבֶּען.
דֶער אֱמֶת וֶועט קוּמֶען.
דֶער שֶׁקֶר וֶועט שְׁטוּמֶען.
אוּנ יֶעדֶער וֶועט אַיינְזֶעהְן אוּנ גְלוֹיבֶּען.
אַז עֶר אִיז נִיט מִינְדֶער
פַאר אַלֶע גָאטְס קִינְדֶער.
מֶען טָאר אִיהְם נִיט שְׁלָאגֶען אוּנ רוֹיבֶּען:
יִשְׂרָאֵלִיק. אָ. הֶער. אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינֶער!
פַארְנִיכְטֶען. פַארְטִילִיגֶען קֶען דִיךְ נִיט קֵיינֶער

...сей Гиршовичъ
Шапиро.


# דער עמוד אש.

1

שוין פינסטערע צוויטויזענד יאהר וועט באלד ווערען.
וויא יענקעלע וואנדערט ארום אויף דער וועלט!
פארגיסענד. וויא וואסער. פיל בלוט און פיל טרערען.
אונמענשליך פערהאסט און פערפאלגט און געקוועלט;
אין מזרח. אין מעריב. אין צפון. אין דרום.
געפינט ער קיין מקלט. קיין היים און קיין ארט.
דאך אויס געשטרעקט גייענד זיין קאפ און זיין ארעם.
בעלייכט איהם זיין תורה. דער עמוד אש. פארט.

2.

מען וויל איהם ניט קענען. מען וויל איהם ניט וויסען.
זיין פירטויזענד יעהריגער יחוס – ביא זייט!
חאטש ער האט אונשולדיגע קעפ ניט געריסען.
וויא אנדערע ריטער אין פאריגער צייט.
מען וויל זיין גערעכטיגקייט גאר ניט אויסהערען.
ניט זעהן און ניט לעזען זיין אלטען פאספארט.
דאך פאלט ער ניט אונטער זיין פינסטערען שטערען.
ווייל איהם לייכט זיין תורה. דער עמוד אש, פארט.

3.

מען האט איהם געווארפען אין וואסער, אין פייער,

גֶעשְׁנִיטֶען . גֶעשְׁטָאכֶען מִיט שְׁוועֶרְד אוּן מִיט לַאנְץ .
דָאךְ אִיז עֶר זַיין גְלוֹיבֶּען גֶעבְּלִיבֶּען גֶעטְרַייֶער —
פוּן אַלֶע פֶערְפָאלְגֶער זִיךְ אוֹיסגֶעלַאכְט גַאנְץ .
מִיט זִיג . מִיט נְצָחוֹן אִיז עֶר דוּרְכגֶעגַאנְגֶען
דֶעם פִינְסְטֶערֶען . בִּיטֶערֶען וֶועג דָא אוּן דָארְט .
גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט גְבוּרָה . אָהְן פוּרְכְט אוּן אָהְן בַּאנְגֶען .
בֶּעשִׁיצְט פוּן זַיין תּוֹרָה . פוּן עַמוּד אֵשׁ . פַארְט .

4.

אַזוֹי הָאט אִיהְם שְׁטֶענְדִיג פוּן פַאלֶען אוּן וַואנְקֶען .
זַיין מֶעכְטִיגֶער גָאט . וִויא אַ הֶעלְד . דוּרְכגֶעפִיהְרְט .
מִיט הָאפְנוּנג אִין הַארְצֶען . מִיט גָאט אִין גֶעדַאנְקֶען .
מִיט וֶדער תּוֹרָה . זַיין פָאן . אַלֶע שְׁלֶעק דוּרְכמַארְשִׁירְט .
אָהְן שְׁפִּיז אוּן אָהְן וַואפֶען . אִין בְּלוּטִיגֶע שְׁטְרָאמֶען .
גֶעשִׁיקְט נָאר צוּם הִימֶעל זַיין בֶּעטֶענְדֶעם וָוארְט
אוּן וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין אוֹיבֶּערְסְטֶענְס נָאמֶען .
גֶעפִיהְרְט פוּן זַיין תּוֹרָה . פוּן עַמוּד אֵשׁ . פָארְט .

5.

אָ . גֵייא דִיר ; אָ . גֵייא דִיר . מַיין יַענְקֶעלֶע וַוייטֶער .
פַארְלִיר נִיט דַיין הָאפְנוּנְג . פַארְלִיר נִיט דַיין מוּטְה .
אַקֶעגֶען דִיא שְׁטוּרֶעמְס פֶערְהַאלְט דִיךְ גֶעשַׁייטֶער .
זֶעמְ׳ן פָארְט דוּרְךְ דִיא צַיילֶען פוּן פַיינְד דַיין מַארְשִׁרוּט .
אַזוֹי וִויא אַ הֶעלְד וֶועסְט דוּא דִיךְ גִיךְ בֶּעפְרַייעֶן .

אוּנ זִיגֶענְד דֶערְלַאנְגֶען צוּ דַיין רֶעטוּנְגְסְפָּארְט .
דַיין לִיכְטִיגֶער שְׁטֶערֶען וֶועט זִיךְ בַּאלְד בֶּענַייֶען .
נָאר גֵייא נָאךְ דַיין תּוֹרָה . דֶעם עַמוּד אֵשׁ . פָֿארמ

---

# דָאס גִיבֶּעט פוּן זַארַא

1.

גֶענוּג שׁוֹין אוּנְגְלִיק מִיךְ צוּ קְוֶועלֶען !
מְהוּא אָפּ פוּן מִיר דַיינֶע שְׁוֶוערֶע הַאנְד ;
שׁוֹין בֶּעסֶער שְׁטַארְבֶּען וָואלְט אִיךְ וֶועלֶען .
צוּ וֶוערֶען פְרַייא פוּן בִּיטֶערְן שְׁטַאנְד !

2.

אָ. נָאט ! אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיט גֶענָאסֶען
קַיין נַחַת אִין מַיין לֶעבֶּענְס צַייט .
נָאר טְרֶערֶען . טְרֶערֶען רַק פַארְגָאסֶען -
פוּן גְלִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גַאנְץ וַוייט !

3.

צוּ פְרִיה בִּין אִיךְ בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען
מִיט אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט !
צוּ שְׁפֶּעט הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהֶן מִיט צָארֶען .
וִויא מִיךְ דָאס מַזָל הָאט פַארְפֶעלְט .

4.

פַּארְגֵייא . פַּארְגֵייא מַיין אוּנְגְלִיקְס שְׁטֶערְן
אוּנְטֶער דֶעם דוּנְקֶעלְן וָואלְקֶענְרוֹיךְ .
פַּארְבְּלֶענְד מִיר נִיט דָאס אוֹיג מִיט טְרֶערְן .
אִיךְ זָאל מַיין הִילְף זֶעהְן פוּן דֶער הוֹיךְ !

5.

שִׁיק . גָאט . אַרָאפּ מִיר דַיין יְשׁוּעָה
אוּנ רֶעטֶע מִיךְ פוּן שְׁוֶוערֶע פְּלֶען .
אִיךְ זָאל מִיט פְרֵידֶען אוּנ מִיט רוּהֶע
מַיין לִיבֶּען פָאטֶער גִיךְ דֶערְזֶעהְן !

6.

דֶערְזֶעהְן מַיין פָאטֶער אוּנ אוֹיךְ רְאוּבֵן !
אוּנ זִיצֶענְדִיג פוּן לֵיידֶען פְרַייא .
דִיא זִיסֶע פְרוּכְט פַארְזוּכֶען . פְרוּוֶוען .
פוּן לִיבֶּע . פְרַיינְדְשַׁאפְט . רוּה אוּנ טְרַייא !

---

## דָאס גִיבֶּעט פוּן אֶלְחָנָן . *)

(אֶלְחָנָן)

וֶוען אוּנְזֶער מַיל וָואלְט זִיךְ אָנְפִילֶען

---

*) אִיבֶּערְזֶעטְצְט פוּן נִשְׁמַת .

מִיט לִיעֶדֶער פִּיל צוּם זִינְגֶען . שְׁפִּילֶען
וִויא אַלֶע יָמִים אַלֶע בַּאכֶען
אִין זִיךְ ,עֶנְטְהַאלְטֶען וַואסֶער סַכְּן ;
אוּנ אוּנְזֶער צוּנְג וָואלְט ,קֶענֶען זִינְגֶען
וִויא שְׁטַארְק דִיא אִינְדֶען רוֹישֶׁען . קְלִינְגֶען ;
אוּנ אוּנְזֶערֶע לִיפֶּען לוֹיבּ פַארְבְּרֵייטֶען
וִויא וַוייט דִיא הִימְלֶען זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטֶען ;
אוּנ אוּנְזֶער בְּלִיק וָואלְט לַייכְטֶען פַיין .
וִויא דִיא לְבָנָה אוּנ זוּנֶענְשַׁיין ;
אוּנ אוּנְזֶערֶע הֶענְד גַאנְץ וַוייט אוֹיס צִיהֶען .
וִויא הוֹיךְ דִיא אָדְלֶער שְׁוֶועבֶּען . פְלִיהֶען ;
אוּנ אוּנְזֶערֶע פִּיס זִיךְ וָואלְטֶען שְׁווִינְגֶען
וִויא גִיךְ דִיא הִירְשֶׁען לוֹיפֶען . שְׁפְּרִינְגֶען ;
וָואלְט אוּנְז גֶעוֶועזֶען זַייעֶר שְׁוֶוער
צוּ לוֹיבֶּען דִיךְ . גָאט . אוּנְזֶער הֶערְר .
אוּנ דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאר דִיא וואוּנְדֶער .
וָואס דוּא מִיט יֶעדֶען טְהוּסְט בֶּעזוּנְדֶער ! . .
קַיין מֶענְשׁ קֶען נִיט מִיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד
פַארְשְׁטֵיין דִיא מַעֲשִׂים פוּן דַיין הַאנְד .
עֶר זָאל חָאטְשׁ אַ מִילְיָאנְטֶעל טְהֵיילֶען
פוּן דַיינֶע וואוּנְדֶער אוֹיס דֶערְצֵיילֶען .
דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ . גָאט . בַּייא דִיר :
עֶרְבַּארְמֶען . מִיטְלֵייד הָאבּ מִיט מִיר !
אוּנ זַייא מִיר מוֹחֵל אַלֶע זִינְד .

וָואס אִיךְ גֶעטְהוּן הָאבּ בִּיז אַצִינְד!
כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶעלַייטֶערְט וֶוערֶען.
קַיין זִינְד. קַיין חֵטְא זָאל מִיךְ נִיט שְׁטֶערֶען
צוּ קוּמֶען פַאר דַיין שֵׁיינֶעם לִיכְט.
צוּם טְרָאהְן. צוּם גְלַאנְץ פוּן דַיין גֶעזִיכְט.
צוּ לוֹיבֶּען דִיךְ. דִיךְ רִיהְמֶען. דַאנְקֶען
מִיט רֵיינֶע אָפֶענֶע גֶעדַאנְקֶען;
מַיין שְׁוֶוערֶעם הֶערְץ פַאר דִיר אוֹיס גִיסֶען
מִיט אַ גֶעלַייטֶערְטֶען גֶעוִויסֶען!
גֶעלוֹיבְּט בִּיסְט דוּא. גָאט. אוּנְזֶער הָערְר!
אִין אַלֶע צַייטֶען. אָהְן אוֹיפְהֶער!

—⁘—

## דָאס שְׁמֶערְצְלִיעֶד. *)

### (דֶער פַיינֶער קַבְּצְן)

1.

אִין אָרֶעמֶען שְׁטִיבֶּעל. וָואס גָאט פְלֶעגְט פַארְהִיטֶען.
טְשִׁי וֶועל אִיךְ מִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען גִיךְ?
וֶוען וֶועט מִיךְ מַיין מוּטֶער מִיט קִישֶׁען אָפְּשִׁיטֶען.
מַיין פָאטֶער אוּמְאַרֶעמֶען מִיךְ?

---

*) אִיבֶּערְזֶעטְצְט פוּן לֶערְמָאנְטָאוו.

2.

גַאנְץ עֶלֶענְד אוּנ בְּלַאס אִיז אִין חָלוֹם גֶעקוּמֶען .
מַיין לִיבְּלִיכֶע מוּטֶער צוּ מִיר !
מִיט טְרֶערֶען גַאנְץ הֵייסֶע מִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען
הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעזֶעהֶען מִיט אִיהְר !

3.

אָ . וִוִיפִיל אִיךְ טְרַאכְט נָאר . אִין שְׁמֶערְצֶען פַארְזִינְקֶען .
מַיין מוּטֶער פִּיל טְרֶערֶען פַארְגִיסְט !
זִיא וָואלְט נָאךְ . חָלִילָה . אִין טְרֶערֶען דֶערְטְרִינְקֶען .
וֶוען זִיא פוּן מַיין שְׁמֶערְץ וָואלְט גֶעוִויסְט !

4.

נָאר אִיךְ וָואלְט אִיהְר זָאגֶען . זִיא זָאל זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען .
מַיין לֶעבֶּען אִיז מִיר נִיט קֵיין פַיין ;
אָ . מוּטֶער . מַיין מוּטֶער ! מַיין צַעַר וֶועט זִיךְ עֶקֶען :
בַּאלְד וֶועט בַּייא מִיר חֲתוּנָה זַיין .

—⁘—

# דָאס שַׁדְכֶן לִיעד

(דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד)

אִיךְ בִּין אַ שַׁדְכֶן אַ גֶענִיטֶער .
אַ דְרֵייקָאפּ . אַ שְׁוִוינְדְלֶער אַ גִיטֶער .
אִיךְ פִיהְר צוּזַאמֶען אַ וַואנְד מִיט אַ וַואנְד

פֿון אָרֶמֶע בִּיז צוּם רַייכֶען שְׁטַאנְד.
דֶערְזֶעה אִיךְ אַ בָּחוּר. אַ בְּתוּלָה. אָ. פְֿרֵיידֶע!
בַּאלְד וַוארְפְֿ אִיךְ אוֹיף זֵייא מַיינֶע אֵייגֶענַאךְ בֵּיידֶע.
אִיךְ שְׁטֶעל אָפּ אַ חוּפָּה. אִיז קְרוּם אָדֶער גְלַייךְ–
מַזָל טוֹב. מַזָל טוֹב אַייךְ!..

אוּנ וְויא אִיךְ בֶּעקוּם נָאר דִיא שַׁדְכָנוּת אִין דֶער הַאנְד.
בַּאלְד מֶענְט אִיהְר זִיךְ בֵּיידֶע שְׁלָאגֶען קָאפּ אָן דָער וַואנְד.
זִיךְ רַייסֶען. בַּייסֶען. שְׁלָאגֶען. קְלַאפֶּען.
זִיךְ עֶסֶען. פְרֶעסֶען. דִיא אוֹיגֶען דְרַאפֶּען
אוּנ קְרִיגֶען זִיךְ וְויא דִיא סָאלְדַאטֶען
אוּנ שֶׁעלְטֶען זִיךְ אִין טַאטֶען;
בַּאלְד פַאלְט מֶען אַנִידֶער
צוּ מֹשֶׁה שַׁדְכָן וִוידֶער.
אִיךְ גֶט זֵייא אָפּ מִיט אַ גְלַייכֶען זָלַאן:
גִיבּ אִיהְם אַ וַוייבּ אוּנ אִיהְר אַ מַאנְן;
שְׁטֶעל אָפּ צְוֵוייא חוּפּוֹת. אִיז קְרוּם אָדֶער גְלַייךְ–
מַזָל טוֹב מַזָל טוֹב אַייךְ!

—––:––—

# דָאס לִיעד פֿוּן דֶעם קֶערְבֶּל.

(קָאס פָּערְלָארֶענֶע קִינְד)

1.

דָאס קֶערְבֶּעל אִיז דֶער גַאנְצֶער פָּרוּץ.

דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אוּנ דֶער חָרוּין .
אֲפִילוּ אַ מֹחַ אַ גַאנְץ הַארְבֶּען .
אוֹיפְקְלֶערֶען נָאר דִיא בְּלַאנְקֶע קַארְפֶּען .

2.

דוּא מֶענְסְט דִיר זַיין אַ גְרָאבֶּער בְּרִידֶער .
אַ קַיילִיקֶע אוֹיף אַלֶע גְלִידֶער .
פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען מִיט צְוֵויא הֶערְבְּלַאך .
דָאס אַלְץ פַארְגְלֶעטֶען נָאר דִיא קֶערְבְּלַאך .

3.

דוּא וֶוערְסְט דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן דִיא מֶענֶער .
דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם אוּנ דֶער קֶענֶער .
וֶוען דוּא הָאסְט נָאר דִיא וַוייסֶע שֶׁערְבְּלַאך .
דִיא קַיילַאכִיגֶע שֵׁיינֶע קֶערְבְּלַאך .

4.

דוּא בִּיסְט גַאנְץ זַאט אוּנ זַייעֶר פְרֵיילַאך .
דוּא לֶעבְּסְט גַאנְץ גוּט אַזוֹי וְויא אַ מֶלֶך .
דוּא קֶענְסְט פוּן הוּנְגֶער נִיט פַארְדַארְבֶּען .
לִיגְט נָאר בַּייא דִיר אִין קַאסְטֶען קַארְבֶּען .

5.

מֶען חַנְפֶעט דִיך פוּן אַלֶע זַייטֶען .
מֶען גְלַייכְט דִיך צוּ דִיא גְרֶעסְטֶע לַייטֶען

בֶּעשְׁרַייבְּט דִיךְ מִיט דִיא שֶׁענְסְטֶע פַארְבֶּען .
אַלְין אִיבֶּער דַיינֶע וַייסֶע קַארְבֶּען .

6.

דוּא קֶענְסְט דוּרְכְזֶעצֶען דִיא שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכֶען ,
פוּן שְׁוַוארְץ אוֹיף וַייס קֶענְסְט דוּא אוּמְמַאכֶען .
קֶענְסְט אֵיינֶעם טֵייטֶען אוּנ אִיהְם אַרְבֶּען .
דֶען אַלֶע לִיבֶּען דָאךְ דִיא קַארְבֶּען .

7.

זָאגַאר דֶער טוֹיט . מוּז אִיךְ אַייךְ זָאגֶען .
הָאט אוֹיךְ דָאס קֶערְבֶּעל לִיבּ גֶעקְרָאגֶען .
וַוייל וֶועמֶען מַצִיל זַיין פוּן שְׁטַארְבֶּען .
פַארְלַאנְגְט עֶר צְדָקָה : קַארְבֶּען . קַארְבֶּען .

---

## דָאס ט"ו כִּסְלָיו לִיעד .

(דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד)

1.

חַזָן . עֶס קוּמְט דִיא צַייט . וָואס גָאט וֶועט גֶעבֶּען .
דִיא מֶענְשֶׁען נִיט צוּא פַארְדַארְבֶּען .
זַייא זָאלֶען אַלֶע אֵייבִּיג לֶעבֶּען
אוּנ קֵיינֶער זָאל נִיט שְׁטַארְבֶּען !

קָאר דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיהְר . בְּרִידֶער .
מִיט שֵׁיינֶע גוּטֶע לִידֶער
אוּנ מִיט אַ פְרֵייעֶן מֶצַח .
מִתְפַּלֵל זַיין צוּם הֶערְרן .
עֶר זָאל דֶעם טוֹיט אָפְּקֶעהְרֶען :
בִּלַע הַמָּוֶת לָנֶצַח !

2.

חַזָן . דִיא טוֹיטֶע אַלֶע אוֹיפְוַואכֶען וֶועלֶען
פוּן זֵייעֶרֶע פִינְסְטֶרֶע קְבָרִים
אוּנ וֶועלֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירֶען שְׁטֶעלֶען .
וִויא אַלְטֶע פְרַיינְד . אוּנְטֶערְן אָרֶעם !
קָאר דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיהְר בְּרִידֶער . א. ז. ו.

3.

חַזָן . זֵייא וֶועלֶען קוּמֶען צוּ אִיהְר מִשְׁפָּחָה
מִיט שִׂמְחָה אוּנ מִיט פְרֵיידֶען
אוּנ וֶועלֶען זִיצֶען מִיט גְרוֹיס הַנָאָה
אִין הִימֶעל . אִין גַן עֵדֶן .
קָאר דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיהְר בְּרִידֶער א. ז. ו.

4.

חזן . זֵייא וֶועלֶען אֵייבִּיג לֶעבֶּען בְּלַייבֶּען
אוּנ זַיין גֶעזוּנְד אִין גַאנְצֶען
אוּנ וֶועלֶען נָאר פַארְגְנִיגֶען קְלַייבֶּען .

זִיךְ פְרֵייעֶן. הוּלֶען. טַאנְצֶען.
קָאר דָעריבֶּער זָאלְט בְּרִידֶער א. ז. וו.

5.

אַלֶע מִיר זָאלֶען לוּסְטִיג לֶעבֶּען!
מִיר זָאלֶען אַלֶע שְׁפְּרִינְגֶען שְׁוֶועבֶּען!
מִיר זָאלֶען קֵיינֶער גָאר נִיט זָארְגֶען.
וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער אָדֶער מָארְגֶען!
מִיר הָאבֶּען דָאךְ אַ גְרוֹיסֶען גָאט!
וָואס וֶועט אוּנְז הֶעלְפֶען אִין אַ נָאטְה.
עֶס זָאל נָאר זַיין. וָואס מִיר בֶּעגֶעהְרֶען.
עֶס זָאלֶען אוֹיפְהֶערֶען דִיא טְרֶערֶען!
בִּלַע הַמָּוֶת לָנֶצַח!
בִּלַע הַמָּוֶת לָנֶצַח! —

...сей Гиршовичъ
Шапиро.

# דָאס תּוֹרָה לִיעֶד.

(דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד)

1.

א תּוֹרָה הָאט אוּנְז גָאט גֶעגֶעבֶּען
...ף דֶעם בַּארְג סִינַי. אִין דֶער וִויסְט.
אִיז דָאךְ אוּנְזֶער טְרֵייסְט אוּנ לֶעבֶּען,
זַייא אוּנְז אַלֶעמֶען גֶעגְרִיסְט!

2.

דוּרְךְ דוּנֶער . בְּלִיצֶען . פְלַאמֶען . פַייֶער
אִיז זִיא גֶעוָוארֶען אוּנְזֶער טְהֵייל .
דֶערִיבֶּער אִיז זִיא אוּנְז גַאנְץ טְהַייֶער .
אִיז אוּנְזֶער גְלִיק אוּנ אוּנְזֶער הֵייל !

3.

עֶס אִיז אַוֶועק פִיל טוֹיזֶענְד יָאהְרֶען .
דָאס פַייֶער דָאךְ הָאט נִיט פַארְלֶעשְׁט .
עֶס אִיז פַארְלָאשֶׁען נִיט גֶעוָוארֶען
אוּנ הָאט גֶעשְׁטִיק אוּנְז אוּנ גֶעבְּרֶענְט !

4.

וָואס הָאבֶּען מִיר נִיט אוֹיסְגֶעלִיטֶען .
פַאר אוּנְזֶער תּוֹרָה . אוּנְזֶער לִיכְט ?
מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְט אוּנְז אוּנ גֶעשְׁנִיטֶען
אָהְן דִין וּמִשְׁפָּט . אָהְן גֶערִיכְט !

5.

אָ . אוּנְזֶער בְּלוּט הָאט מֶען פַארְגָאסֶען
וִויא וַואסֶער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער עֶרְד !
פִיל טְרֶערֶען הָאט פוּן אוּנְז גֶעפְלָאסֶען .
וִויא שְׁטְרָאמֶען . גָאר נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט !

6.

מִיר הָאבֶּען אָבֶּער אַלְץ פַארְטְרָאגֶען
מִיט קַאלְטְקַייט אוּנ מִיט גְרוֹיס גֶעדוּלְד .
פַארְהִיט דִיא תּוֹרָה פַאר פִיל פְּלָאגֶען .
וִויא אוּנְז גֶעהֵייסֶען הָאט דִיא שׁוּלְד .

7.

פַאר פַייֶער . וַואסֶער . שְׁוֶוערְדֶען . לַאנְצֶען .
דִיא תּוֹרָה הָאבֶּען מִיר פַארְהִיט .
זִיא מִיט טְרִיוּמְף גֶעבְּרַאכְט אִין גַאנְצֶען
אוּנ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען נָאךְ בִּיז אִיצְט .

—※—

## דָאס טְרִיוּמְף לִיעד . *)

(יְהוּדִית)

1.

זְבוּלוּנְס פֶעלְדֶער . בֶּערְג אוּנ טְהָאלֶען .
דָארְט הָאט דֶער שְׁטַארְקֶער פַיינְד מַארְשִׁירְט .
וֶוער אִיז אִים שְׁטַאנְדֶע אָבְּצוּמָאהְלֶען .
דָאס דָארְטֶען הָאט אַ מָאל פַּאסִירְט ?

*) נַאךְ דֶער שִׁירָה פוּן דְבוֹרָה .

2.

דִיא פֶעלְדֶער וֶועלֶען דִיר דָארְט מֶעלְדֶען ·
דִיא ווּאוּנְדֶער · וָואס אִיז דָארְט גֶעשֶׁעהְן ·
פוּן דְבוֹרָה · יָעֵל · דִיא גְרוֹיסֶע הֶעלְדֶען ·
וָואס אוּנְטֶער יוּדֶען אִיז גֶעוֶועזֶען ·

3.

דִיא עֶרְד · דִיא הִימֶעל אוּנ דִיא שְׁטֶערֶען
בֶּעוַוייזֶען אוּנְזֶער יוּדִישׁ קְרַאפְט ·
וִויא פְרוֹיֶען הָאבֶּען · וִויא דִיא הֶערְרֶען ·
דֶעם גְרֶעסְטֶען רוּהְם דֶעם פָאלְק פַארְשַׁאפְט ·

4.

וִויא דְבוֹרָה אִיז אִין פֶעלְד גֶערִיטֶען
אוּנ מִיט דֶער מַחֲנֶה קָאמַאנְדִירְט ·
וִויא נָאט פוּן הִימֶעל הָאט גֶעשְׁטְרִיטֶען
אוּנ צוּם טְרִיוּמְף זַיין פָאלְק גֶעפִיהְרְט ·

5.

זִיא הָאט דֶעם פַיינְד פַארְיָאגְט פַארְטְרִיבֶּען ·
אִין גַאנְצֶען אִיהְם פַארְנִיכְט אִין שְׁטְרַייט ·
עֶס אִיז אַ זֵכֶר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען
פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁטַארְקֶע לַייט

6.

וָוער הָאט פַאנְצִירֶעס . שְׁוֶוערְדֶען . שְׁפִּיזֶען
בַּייא פֶערְצִיג טויזֶענְד מַאנְן גֶעזֶעהְן ?
דָאךְ הָאבֶען זַייא זִיךְ וִויא דִיא רִיזֶען .
גֶעשְׁלָאגֶען אֵיינֶער גֶעגֶען צֶעהְן .

7.

אַהֵייסֶער שְׁטְרָאם פוּן פֶּעךְ אוּנ שְׁוֶועבֶּעל
אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל רַאשׁ אַרָאפּ .
אַ פַייֶער הָאגֶעל מִיט רויךְ אוּנ נֶעבֶּעל
צוּבְּרָאכֶען הָאט דֶעם שׂוֹנַאס קָאפּ .

8.

אויךְ דַיין זִיג אִיז גִיט אוים צוּ זָאגֶען .
רוּא . יָעֵל ! אָ . וִויא קְרֶעפְּטִיג . שְׁטַייף .
אַ נָאגֶעל הָאסְט אַרַיין גֶעשְׁלָאגֶען
[illegible]עם שְׁטַארְקֶען אִין זַיין שְׁלֵייף .

9.

[illegible]יט גְרויסֶען כָּבוֹד אוּנ מִיט פְרֵיידֶען
[illegible]אט דְבוֹרָה אוּמְגֶעקֶעהְרְט פוּן פֶעלְד .
[illegible]אם פָאלְק בֶּעפְרַייט פוּן זַיינֶע לֵיידֶען
[illegible]יט קְרַאפְט אוּנ גְבוּרָה פוּן אַ הֶעלְד :

10.

אַךְ. גָאט. ווִיא גְרוֹיס אִיז דַיינֶע וואוּנְדֶער.
וָואס דוּא הָאסְט אָפְט מִיט אוּנְז גֶעטְהוּן.
דָאס זִינְגְט דָאךְ יֶעדֶער יוּד בַּאזוּנְדֶער:
דֶער פָאטֶער. מוּטֶער. טָאכְטֶער. זוּן.

—•○•—

## דָאס פַאנַאטִישֶׁע לִיעֶד.

(קאַטלעט, פרינץ גנילאָפּיאַטסקי)

1.

גְוַואלְד דִיא בִּילְדוּנְג! גְוַואלְד דִיא בִּילְדוּנְג!
מוּז אִיךְ שְׁרַייֶען: וַויא. אָ. וַויא!
אוּנְזֶער קְרוֹין פוּן גִינְגָאלְד גִילְדוּנְג
אִיז פַארְלָארֶען. אִיז פַארְבַּייא!

2.

נַייֶע מִידוֹת. נַייֶע לֶעהְרֶען
אִיז בַּייא אוּנְז גֶעוָוארֶען. אַךְ!
מֶעהְר קֵיין יוּדִישׁ וָוארְט צוּ הֶערֶען.
נָאר פְרַאנְצוֹיז אוּנ דַייטְשֶׁע שְׁפְּרַאךְ!

3.

קוּרְצֶע רֶעקְלַאךְ. לַאנְגֶע הוֹיזֶען.

װעסטלאַך שטאַט אַ לײבּסערדאַק.
היט װיא קימענס אין דיא ברויזען.
מיט אַ הינדריגס עק אַ פראַק!

4.

װאו אַ ספּאַרעק? װאו אַ ציצה?
װאו גוט שבּת? װאו גוט יאָהר?
נאָר געהאַפּט זיך בײא דער מיצוה.
איין גוטען טאָג! . מאַסיע פאַן ישור!

5.

ניט קיין צורה. ניט קיין פּנים.
ניט קיין פּאות. ניט קיין בערד.
װיא פּאַר שבּורטע יװאַנים
אונ װיא אָהן איין עק אַ פּע.ד.

6.

בתולות בחורים זינגען. שפּילען.
טאַנצען פּאָילקע. קאָנטרעדאַנץ
אונ צו זאַמען זיך אָבקיהלען
אין אַ װינקעל נאָך דעם טאַנץ...

7.

אָבגעטהון האָט זיך גאַטס צלם
פון אונז ידען. װײא איז מיר!

שֶׁנִימֶער נָאר פוּן עֲרֵלִים .
אָהְן גֶעשְׁטַאלְט אוּנ אָהְן קָאלִיר !

8.

אִין דֶער בִּילְדוּנְג אִיז פַארְגַאנְגֶען
אוֹיךְ הֶערְר קָאמְלֶעט זֵייֶער וַוייט !
הָאט זִיךְ נֶעבַּאךְ אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען
אוּנ גֶעשְׁטָארְבֶּען אָהְן דֶער צַייט !

9.

גְוַואלְד דִיא בִּילְדוּנְג ! גְוַואלְד דִיא בִּילְדוּנְג !
מוּז אִיךְ שְׁרַייֶען : וֵויא . אָ . וֵויא !
אוּנְזֶער קְרוֹין פוּן גִינְגָאלד גִילְדוּנְג
אִיז פַארְלָארֶען . אִיז פַארְבַּייא !

—:o:—

# דָאם וַויין לִיעֶד .

1.

דֶער וַויין . דֶער וַויין אִיז אוּנְז גֶעגֶעבֶּען
אוּם אוֹיף צוּ הַאלְטֶען אוּנְזֶער לֶעבֶּען .
צוּ שְׁטַארְקֶען אוּנְזֶער זֵייל אוּנ לַייבּ
אוּנ אוֹיךְ צוּם גוּטֶען צַייט פַארְטְרַייבּ .

2.

אָן אַלֶע שְׁמֶערְץ פַארְגֶעס אִיךְ בַּאלְד.
וָוען אִין דֶער הַאנְד דֶעם כּוֹס אִיךְ הַאלְט.
אַ נַאר אִיז דֶער וָואס טְרִינְקְט-קֵיין וַויין.
דֶער חָכָם זָאל דֶער טְרִינְקֶער זַייז.

3.

וֶוען שְׁלֶעכְט דָאס וֶועטֶער אִיז אִין דְרוֹיסֶען
דֶער שְׁטוּרֶעם בְּלָאזְט. דִיא ווִינְדֶען שְׁטוֹיסֶען.
אִיז דָאךְ בַּייא דֶעם דָאס וֶועטֶער פַיין.
וָואס טְרִינְקְט זִיךְ אוּיס זַיין בֶּעכֶער וַויין.

—:—

## דָאס שַׁאחֲרַייֶען לִיעֶד.

(דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד)

1.

דִיא גְרוֹיסֶע קוֹיפְלַייט. אִין דִיא פְרַאקֶען.
מִיט וַוייסֶע הַאנְדְשׁוּה אוֹיף דִיא הֶענְד
אוּנ דִיא סִידִיעֶלְצֶעס אִין קַאבַּאקֶען
מִיט דִיא פַארְרוֹיכְטֶע שְׁוַוארְצֶע וֶוענְד.
זַייא אַלֶע שְׁווִינְדְלֶען אוּנ בֶּעטְרִיגֶען
פוּן אוֹיבֶען בִּיז דִיא פִּיס אַרָאפּ
אוּנ וָוען זַייא נָאךְ אַ חֶשֶׁק קְרִיגֶען.

אַייך אָפּבַּייסֶען דֶער צוּ דֶעם קָאפּ. —
אוּנ אַלֶע לַיארְמֶען שְׁרַייֶען.
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאחְרַייֶען!

2.

אִין יֶעדֶער שְׁטָאט וֶועט אִיהְר גֶעפִינֶען
אִין דִיא הוֹיפְּט גַאסֶען. בַּייא דֶער נָאז.
שַׁארְמַאנְטֶע. פַייֶנֶע מַאגַאזִינֶען
מִיט גְרוֹיסֶע פֶענְסְטֶער שְׁפִּיגֶעל גְלָאז;
דָארְט וֶוערְט פַארְקוֹיפְט אַיין אַלְטֶע שְׁמַאטֶע.
אִיהְר צָאהְלְט צֶעהְן רוּבֶּעל נָאךְ דֶער פַאר.
וָואס צֶעהְן קָאפֵּייקֶען פַאר דִיא לַאטֶע
בֶּעצָאהְלְט מֶען נָאר אוֹיף דֶעם בַּאזַאר
אוּנ אַלֶע לַיארְמֶען. שְׁרַייֶען.
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאחְרַייֶען.

3.

אַ גְרוֹיסֶער קוֹיפְמַאנְן פוּן מִילְיָאנֶען
הָאט אוֹיס גֶעבּוֹיט אַ פַּארָאוֶוע מִיהְל.
הָאט זִיא אִין פַייֶער אַסֶעקוּרַאצְיָאנֶען
פַארְזִיכֶערְט אִין דִיא טוֹיזֶענְד פִיל.
דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיא אָנְגֶעצוּנְדֶען.
צוּנֶעהְמֶען קֶערְבְּלַאךְ פִיל פַאר אִיהְר.
אִיז אָבֶּער בַּאלְד. דִיא הֶענְד גֶעבּוּנְדֶען.

אַוָועק גֶעגַאנְגֶען קַיין סִיבִּיר
אוּן אַלֶע לֵיאַרְמֶען. שְׁרַייֶען.
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאחְרַייֶען'

4.

Библіотека
ВИЛЕНСКАГО ОТДѢЛЕНІЯ
О-ва для распр. просв.
между евреями въ Россіи

אַ פְּרויא. אַ פְרוּמֶע. אַ מָאנַאשְׁקֶע
וָואס אַלֶע הָאבֶּען זִיא גֶעאַכְט.
אויךְ זִיא הָאט אָנְגֶעקָאכְט אַ קַאשֶׁע.
אִין אוּנְגְלִיק מֶענְשֶׁען פִיל גֶעבְּרַאכְט:
מִיט וָועקְסֶלֶען פַאלְשֶׁע אוּן פָאדְלָאגֶען.
הָאט זִיא מִילְיָאנֶען אויסְגֶענַארְט:
„דָאס אִיז פַאר אַרְמֶע". פְלֶעגְט זִיא זָאגֶען.
דָאךְ זִיךְ אִין טַאשׁ דָאס גֶעלְט גֶעשַׁארְט.
אוּן אַלֶע לֵיאַרְמֶען. שְׁרַייֶען.
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאחְרַייֶען;

5.

אַ סְפֶּעקוּלַאנְט פוּן אַפִּיצִירֶען
גֶענוּמֶען הָאט אַ וַוייבּ מִיט גֶעלְד.
עֶר אִיז אַוֶועק מִיט אִיהְר שְׁפַּאצִירֶען
אויסֶער דֶער שְׁטָאט אִין פְרַייֶען פֶעלְד.
דָארְט הָאט עֶר זִיא צוּ טוֹיט גֶעשְׁלָאגֶען.
אִיהְר מִיט זַיין שְׁוֶוערְד צוּטְרֶענְט דֶעם לֵייבּ.
וַוייל עֶר אֵיין אַנְדֶרֶע הָאט גֶעקְרָאגֶען

צוּ נֶעהְמֶען זִיא פַאר זִיךְ צוּם וַוייבּ .
אוּנ אַלֶע לְיַארְמֶען . שְׁרַייֶען .
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאתְרַייֶען !

6.

אויךְ אַ דִירֶעקְטָאר פוּן טְהֶעאַטֶער .
עֶר אַנְגַאזְשִׁירְט אַקְטָארֶען פִיל .
בַּאלְד וֶוערְט עֶר אויךְ עֶקְסְפְּלָאטַאטֶער
בֶּערַייכֶערְט זִיךְ פוּן זֵייעֶר שְׁפִּיל .
זֵייא אַרְבַּייטֶען מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען .
אוּם צוּ פַארְדִינֶען זֵייעֶר בְּרוֹיט .
דָאךְ וִויל עֶר זֵייא קַיין שְׂכִירוּת גֶעבֶּען
אוּנ שְׁטַארְבֶּען מוּזֶען זֵייא פַאר נוֹיט —
אוּנ אַלֶע לְיַארְמֶען . שְׁרַייֶען .
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאתְרַייֶען !

7.

אויךְ אַ רֶעדַאקְטָאר פוּן גַאזֶעטֶען .
עֶר שְׁרַייבְּט אָן לִיגֶען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט ;
עֶר שְׁטָאפְּט זִיךְ אָן אַ זַאק אַ פֶּעטֶען .
בֶּעצָאהְלְט נִיט קֵיינֶעם אַ גְרָאשֶׁען גֶעלְד
אוּנ אִיטְלֶעכְם בַּאלְד מְחוּת עֶר פַארְקוֹיפֶען
פַאר צֶעהְן קָאפֵּייקֶען . וָואס קָאסְט אַ שְׁפָּאט ;
עֶר קוֹיפְט זִיךְ הַייזֶער . קוֹיפְט זִיךְ הוֹיפֶען

אונ לֶעבְּט גַאנְץ גְרויס אויף יֶענֶעמְס טְשָׁאט —
אונ אַלֶע לְיַארֶמֶען. שְׁרַייֶען.
אַז נָאר דִיא יוּדֶען זַיין שַׁאחְרַייֶען!

—:o:—

# דָאס לִיעֶד פוּן דֶעם שְׁטֶעקֶען.

(דָאס פֶערְלָארֶענֶע קִינְד)

1.

דֶער שְׁטֶעקֶען אִיז אַ שְׁטַארְקֶע פְּעוּלֶה.
צוּ זַאכֶען פִיל אַ גְרויסֶע סְגוּלֶה.
וֶוען אֵיינֶער קֶען נִיט. אִין זַיין לֶעבֶּען.
אַ גוּטֶען רַאטְה אַ מָאל זִיךְ גֶעבֶּען.
דִיא שְׁלֶעכְטֶע פֶעהְלֶער אוֹיס צוּ מֶעקֶען.
דַאנְן חַאפּ אַ שְׁטֶעקֶען. חַאפּ אַ שְׁטֶעקֶען.

2.

וָוען דִיר. אַ. בְּלִינְדֶער אוֹיגֶען פֶעלְט.
דוּא קֶענְסְט נִיט זֶעהְן דִיא וַוייסֶע וֶועלְט.
דוּא טַאפְּסְט אַהִין. דוּא טַאפְּסְט אַהֶער.
קְרִיכְסְט אִין דֶער בְּרֵייט אוּנ אִין דֶער קְוֶוער.
עֶס נֶעהְמְט דִיךְ אָן אַיין אַנְגַסְט אוּנ שְׁרֶעקֶען.
דַאנְן קְרִיג אַ שְׁטֶעקֶען. קְרִיג אַ שְׁטֶעקֶען.

3.

װֶען דיר גֶעזוּנְדֶע בִּיסְלַאךְ פֶעלֶען ·
דוּא קֶענְסְט דִיךְ נִיט אַנְדֶער שְׁטֶעלֶען ;
דוּא גֵייסְט אוּנ פַאלְסְט אוֹיף אַלֶע פִיר ·
פוּן אָרְט זִיךְ נִיט צוּ טְהוּן אַ רִיהְר
אוּנ נִיט בֶּעװֶעגֶען זִיךְ פוּן פְלֶעקֶען ·
בֶּעקוּם אַ שְׁטֶעקֶען · נָאר אַ שְׁטֶעקֶען ·

4.

װֶען דוּא בִּיסְט · פְרַיינְד · שׁוֹין אַלְט גֶעװָארֶען ·
שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט דָא דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶען !
דוּא גֵייסְט אוּנ שָׁאקֶעלְסְט זִיךְ גַאנְץ שְׁטַארְק ·
חָאטְשׁ פַאל אַנְדֶער אוֹיף דֶעם מַארְק ·
דִיא כֹּחוֹת קֶענֶען דִיר נִיט קְלֶעקֶען ·
נוּ נֶעהְמְט אַ שְׁטֶעקֶען · נֶעהְם אַ שְׁטֶעקֶען

5.

אַ פֶערְד װָאס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין ·
אַ פַארְלֶע װִיל פוּן אָרְט נִיט גֵיין
אוּנ װָאס דוּא זָאלְסְט נִיט מַאכֶען פָארְט ·
דָאךְ רִיהְרְט עֶר זִיךְ נִיט פוּן זַיין אָרְט ·
פוּן חָלוֹם גִיךְ אִיהְם אוֹיף צוּ װֶעקֶען ·
זַייא אִיהְם מְכַבֵּד מִיט אַ שְׁטֶעקֶען ·

6.

אַ הונד . וָואס אִיז אוֹיף דִיר אִין נַאס
אַרוֹיף גֶעפַאלֶען מִיט גְרוֹיס כַּעַס .
עֶר בַּייסְט דַיין פוּס . עֶר רַייסְט דַיין פָּאלֶע ,
דוּא קֶענְסְט דָא חַאפֶּעו דִיא מַפָּלֶה .
נג זָאלְסְט דוּ אִיהְם בַּאלְד נֶעהְמֶען דֶעקֶען
נָאר מִיט אַ שְׁטֶעקֶען . מִיט אַ שְׁטֶעקֶען .

7.

בֶּערַיידֶער . מִיט דִיא גְלַאטֶע צִינְגְלַאךְ .
אַנְץ פַּיינֶע . וָואוילֶע . גוּטֶע יוּנְגְלַאךְ .
ואס רֵיידֶען אוֹיס אוֹיף דִיר פִּיל שְׁלֶעכְטְס .
ין אַלֶע זַייטֶען לִינְקְס אוּנ רֶעכְטְס .
וּם זִיךְ צוּ יֶענֶעם צוּ צוּ לֶעקֶען .
ייבּ זַייא דִיא בֵּיינֶער מִיט אַ שְׁטֶעקֶען .

8.

וַוייבּ אַ שְׁלֶעכְטְס וָואס שֶׁעלְט דִיךְ נָאר
ז דִיר מְקַצֶר דַיינֶע יָאהְר .
א גְרִיזֶעט דִיךְ . אַזוֹי וִויא אַ שְׁלַאנְג .
ן פְּרִיה בִּיז זוּנֶען אוּנְטֶער גַאנְג .
שְׁווינְדֶער זֶעה מִיט אִיהְר צוּ עֶקֶען
ר מִיט אַ שְׁטֶעקֶען . מִיט אַ שְׁטֶעקֶען .

# דָאס יַאכְט לִיעֶד.

1.

בֶּעשְׁטֶענְדִיג פְֿרֵיילַאךְ זַייְנֶען מִיר.
אָהְן קִימֶער אוּנ אָהְן זָארְגֶען;
מִיר שִׁיסֶען חַיוּת אָהְן אַ שִׁיעוּר
פוּן מָארְגֶען בִּיז צוּם מָארְגֶען.
דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע לוּסְט.
וָואס אוּנְז עֶרְקְוִויקְט דִיא זֵייל אוּנ בְּרוּסְט
אוּנ וַויין דֶערצוּ אִיז אוּנְז גֶעגֶעבֶּען —
אָ. חִיוַואט. פְֿרֵיינְד מִיר זָאלֶען לֶעבֶּען!

2.

דֶער וַואלְד אִיז אוּנְזֶער הוֹיפְּט קְוַואטִיר.
אִיז אוּנְזֶער פְֿרֵייד אוֹיף עֶרְדֶען;
דָאס וִוירְטְהשַׁאפְט אוּנְזֶער אוּן גֶעשִׁיר:
דִיא שְׁפִּיזֶען. פַּיילֶען. שְׁוֶוערְדֶען.
דִיא הִינְד אוּמְלוֹיפֶען. הֶעזְלַאךְ שְׁפְּרִינְגֶען.
גֶעהֶעהְר אוּנ וַואפֶען בְּלִיטְצֶען. קְלִינְגֶען.
בֶּעפְרִידִיגְט וֶוערְד בַּאלְד אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבֶּען —
אָ. חִיוַואט. פְֿרֵיינְד. מִיר זָאלֶען לֶעבֶּען!

3.

נוּ. גִיךְ דִיא פְלַאשֶׁען אוֹיס גֶעלֶעהְרְט!

דִיא שְׁוֶוערְדֶען פוּן דִיא שֵׁיידֶען !
גֶעשְׁוִוינְד זִיךְ צוּ דֶער יַאכְט גֶעקֶעהֶרְט
מִיט טַאפְּפֶערְקַייט . מִיט פְרֵיידֶען !
דִיא יַאכְטְטַאשֶׁען גֶעשְׁוִוינְד גֶעפִילְט
מִיט פִיל דֶערְשְׁלָאגֶענֶע גֶעוִוילְד ;
אִין פֶערְגֶענִיגֶען נָאר צוּ שְׁוֶועבֶּען —
אָ . וִיווַאט . פְרַיינְד מִיר זָאלֶען לֶעבֶּען !

—⁘—

# דָאס רִיטטֶער לִיעֶד .

(ר . ש . י .)

1.

עֶס זַיינֶען גֶערִיטֶען צְוֵייא רִיטֶטער אִין פֶעלְד
אוֹיף זֵייעֶרֶע טְהַייֶערֶע פֶערְדְלַאךְ ;
פוּן פָּנִים גֶעשֵׁיינְט הָאט דֶער שְׁטָאלְץ פוּן אַ הֶעלְד .
גֶעגוּרְט אִין כְּלֵי־זַיִן אוּנ שְׁוֶוערְדְלַאךְ .
זֵייא זַיינֶען גֶעפְלוֹיגֶען . וִויא רוּחוֹת גֶעשְׁוִוינְד .
דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען פַיינְד צוּ דֶערְיָאגֶען .
פַאר זַיינֶע חֲטָאִים אוּנ פַאר זַיינֶע זִינְד
דָאס קֶעפֶּעלֶע אִיהְם אָפּ צוּשְׁלָאגֶען .

2.

יא הָאבֶּען צוּם עֶנְדֶע דָאס עֶרְטֶעל דֶערְלַאנְגְט .
וואוּ עֶר אִיז זִיךְ רוּהִיג גֶעלֶעגֶען .

אוּנ אִידְם. וִויא פוּן הִימֶעל. נִיט לַאנְג זִיךְ גֶעצַאנְקְט.
בֶּעגֶעגֶענְד מִיט פַּיילֶען אַ רֶעגֶען.

3.

דִייא הָאבֶּען גֶעשְׁטָאכֶען. גֶעהַאקְט אוּנ גֶעבְּרֶענְט.
פוּן שׂוֹנֵא נְקָמָה גֶענוּמֶען
אוּנ זַייגֶען מִיט זִילְבֶּער. מִיט גָאלְד אִין דִיא הָענְד.
וִויא הֶעלְדֶען אַהַיים אָנְגֶעקוּמֶען.

## עֶרְצֵיילוּנְג.

(ר. ש. י.)

אִיךְ וֶועל דֶער צֵיילֶען אַ גֶעשִׁיכְטֶע.
וָואס מִיט אַ מֵיידֶעל הָאט פַּאסִירְט:
צוּ וִוישֶׁען בּוּימֶער גַאנְץ גֶעדִיכְטֶע
הָאט זִיא אַלֵיין אִין וַואלְד שְׁפַּאצִירְט.
זִיא אִיז גֶענַאנְגֶען. הָאט גֶעזוּנְגֶען.
זָא וִויא אַ פֵייגֶעלֶע גַאנְץ פַּיין. —
אַ גַזְלָן אִיז אַרוֹיס גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען
אוּנ הָאט גֶעחַאפְּט דָאס מֵיידֶעלֵיין.
זִיא הָאט גֶעיַאמֶערְט אוּנ גֶעשְׁרִיהָען.
אַ שְׁטַארְקֶען לַיארֶעם אָנְגֶעמַאכְט.
אוּמְזִיסְט וַואר אָבֶּער אִיהְר בֶּעמִיהֶען.
עֶר הָאט זִיא בַּאלְד צוּ זִיךְ גֶעבְּרַאכְט

עֶר הָאט זִיא אִין אַ קְלֵיינֶעם חֵדֶר
בַּייא זִיךְ אִין הויז אַוֶועק גֶעזֶעצְט
אוּנ אִיז זִיךְ וִוידֶער. וְויא זַיין סֵדֶר.
צוּרִיק אַוֶועק אִין וַואלְד צוּ לֶעצְט.
דָא אִיז אַ בַּייזֶענְדֶער גֶעקוּמֶען
אוּנ פוּן דֶער מַעְשֶׂה זִיךְ דָערוואוּסְט.
אִין הַארְצֶען הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען.
צוּ רֶעטֶען זִיא גֶעקְרָאגֶען לוּסְט.
דָא הָאט עֶר. קֵיינֶער זָאל נִיט הֶערֶען.
צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט גַאנְץ שְׁטִיל אוּנ זַאכְט:
„הַאלְט אַיין דֶעם שְׁטְרָאם פוּן דַיינֶע טְרֶערֶען
אוּנ זָאלְסְט זַיין אוֹיף דִיא גַאנְצֶע נַאכְט
בִּשְׁעַת אַלֶע וֶועלֶען שְׁלָאפֶען.
זָאלְסְט דוּא בֶּערֵייט אוּנ פֶערְטִיג זַיין
אוּנ זָאלְסְט דָאס פֶענְסְטֶער לָאזֶען אָפֶען
וֶועל אִיךְ צוּ דִיר אִין שְׁטוּב אַרַיין...‘
אַזוֹי וְשֶׁע הָאט זִיךְ אוֹיסגֶעלָאזֶען:
אִין אַ טוּמַאנֶע. פִינְסְטְרֶע נַאכְט
הָאט עֶר דוּרְךְ בְּלִיטְץ אוּנ שְׁטוּרֶעמבְּלָאזֶען
בְּשָׁלוֹם זִיא אַהֵיים גֶעבְּרַאכְט.

...сей Гиршовичъ
Шапиро.

# בֵּיינְקוּנְגְם לִיעֶד

(ר.ש.י.)

1.

צוּ דִיר. צוּ דִיר נָאר. לִיעבֶּעס קִינְד.
פְלִיהְט מַיין גֶעדַאנְקֶען גַאנְץ גֶעשְׁווִינְד!
וִויא קוּם אִיךְ שׁוֹין צוּ דֶער סֶעקוּנְד.
אוּנְז צוּ פַארְבִּינְדֶען אִין אֵיין בּוּנְד

2.

אִיךְ בִּין פוּן דִיר גַאנְץ וַוייט!
גֶעטְרֶעֶנְט פוּן דִיר אַ לַאנְגֶע צַייט!
דָאךְ מַיין גֶעדַאנְקֶען אִין מַיין זִינֶען
פְלִיהְט שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ דִיר אַהִין!

3.

פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען שְׁטֵייט דַיין בִּילְד.
וִויא שֵׁיין דוּא בִּיסְט. וִויא רֵייצֶענְד מִילְד!..
פוּן דַיינֶע אוֹיגֶען טְרֶערֶען רִינְט!
מִיט שְׁמֶערְצֶען זֶעה אִיךְ דָאס מַיין קִינְד!

4.

אוּמְאַרְמֶען וָועל אִיךְ דִיךְ גַאנְץ גִיךְ.
פַארְגֶעס נִיט אוּנ גֶעדֵיינְק אָן מִיךְ.
דִיא צַייט קוּמְט אָן פוּן אוּנְזֶער גְלִיק.

אִיךְ קָעהְר בַּאלְד אוּם צוּ דִיר צוּרִיק.

5.

אִיךְ בִּין דִיר נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען טְרַייא.
פַּארטְרוֹיֶערְט אוּן פַּארְקְלָאגְט נִיט זַייא.
פוּן טִיפְסְטֶען הַארְצֶען. דוּרְךְ דֶעם וִוינְד.
שִׁיק אִיךְ דִיר אַ קִישֶׁען לִיבֶּעם מִינְד!

…сей Гиршовичъ
Шапиро.

## דֶער אֶבְיוֹן.

(דֶער פַּייֶנער קַבְּצָן)

1.

וִויא גְרוֹים זַייֶען דֶעם אֶבְיוֹנס זָארְגֶען.
אָ. גָאט. דֶערְבַּארֶעם דִיךְ!
מִיט דַאגֶה נַאכְט יֶיר אוֹיף דֶעם מָארְגֶען
מִיט דַאגֶה לֵייגְט עֶר זִיךְ!

2.

אַפִילֶע שְׁטוּבּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער.
אִין הוּנְגֶער קֶעלְט אוּן נוֹיט.
„אַ. טַאטֶע! “ יֶעדֶעם שְׁרַייט בֶּעזוּנְדֶער.
„גִיבּ אוּנְז אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט!“

3.

נִישְׁט דָא קַיין שְׁפַּייז. קַיין בְּרוֹיט אַ בִּיסֶען.
גִישְׁט דָא קַיין גְרָאשֶׁען גֶעלְד;
דִיא קִינְדֶער אַלֶע אָבְּגֶעְרִיסֶען
און צִיטֶערֶען פַאר קֶעלְט!

4.

עֶס אִיז אַ שְׁטַארְקֶער רוֹיךְ אִין צִימֶער
פוּן הָאלְץ דָעם נַאסֶען שַׁייט.
אָ. שְׁלֶעכְט דֶער ווִינְטֶער. שְׁלֶעכְט דֶער זִימֶער.
פַאר אַלֶע אָרֶמֶע לַייט!

5.

אִין דְרוֹיסֶען פְרִידְרְט. זָאל גָאט עֶרְבַּארֶמֶען!
אִין שְׁטוּב אַ שְׁטַארְקֶע קֶעלְט!
אֵיין קִינְד צוּם אַנְדֶערְן שְׁטוּים זִיךְ וַוארֶמֶען.
ווִיא שֶׁעפֶּעלַאךְ אִין פֶעלְד.

6.

אִין זַאלֶען טַאנְצֶען דַאמֶען. הֶערְרֶען.
גֶעשְׁוֶועכְט וֶוערְט און גֶעשְׁפַּייזְט.
דֶעם אָבְיוֹן ווִיל נִיט קֵיינֶער הֶערֶען.
דִיא טִהִיר אִיהְם יֶעדֶער ווַייזְט!

——:o:——

# דאס יודעל. *)

(דער פינגער-קבצן)

1.

דאס יודעל. דאס יודעל
דאס איז איין אנטיק!
בעטראכט איהם מיט וואונדער.
מיט שרעקליכען בליק.
א פאלקעל א קליינעם
געהערט ער דאך אן.
דאך וואו דוא זאלסט קומען
געפינסט איהם אויבענאן.

2.

וואו הין דוא זאלסט פאהרען.
וואו הין דוא זאלסט גיין.
דארט וועסט דוא געפינען
מיין יודעלע שטיין:

*) דאס ליעד האב איך שוין גאנץ לאנג איבערזעצט און איינגעארבייט פון א דייטשען זשורנאל. וואס האט זיך א מאל אין וויען ארויס געגעבען, דעריבער קען כע'ן דער פון ארויס זעהן, אז דיזעס ליעד איז ניט גלייך צו דעם "יודעל" פון גאלדפאדען, וואס ער האט פערפאסט און פילייכט אויך פון דעם זעלבען זשורנאל איבערזעצט און אונגעמאכט.

פַארְפֶאהֶרְסְט דוּא קַיין מִזְרַח.
מַיין יוּדֶעל אִיז דָארְט.
אוּנ קוּמְסְט דוּא קַיין מַעֲרִיב.
אוֹיךְ דָארְט אִיז זַיין אָרְט.

3.

אִין צָפוֹן. אִין דָרוֹם.
אִין אִיטָלֶעכֶען לַאנְד.
אוֹיךְ דָארְט אִיז דָאס יוּדֶעל
יֶעטְוָועדֶען בֶּעקַאנְט.
דוּא שְׁטַייגְסְט אוֹיף דִיא בֶּערְג אוֹיף.
אַרָאפּ קְרִיכְסְט אִין טְהָאל.
מַיין יוּדֶעל שְׁפַּאצִירְט זִיךְ
אוֹיךְ דָארְט אַלֶע מָאל.

4.

פַארְשְׁלִיס דִיךְ אִין מוֹיֶערְן
מִיט אַייזֶערְנֶע טְהִיר.
גוּט שַׁבָּת! מַיין יוּדֶעל.
עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין פַאר דִיר.
פוּן וָואס דוּא זָאלְסְט דֵיינְקֶען
אִין דֵיין קַאבִּינֶעט.
אִיז אִיהְם קַיין גֶעהֵיימְנִיס.
קַיין סוֹד. קַיין סֶעקְרֶעט.

5.

דִיא נַיְיסֶען דִיא נַיְיסְטֶע .
וָואס קוּמֶען אַרוֹיס .
דָאס וֵוייס שוֹין מַיין יוּדֶעל
פִּיל וָואכֶען פָאֶרְאוֹיס .
פֶערפָאלְג אִיהְם . פֶערהַאס אִיהְם .
פָערטְרַייבּ אִיהְם פוּן דִיר .
עֶר קוּמְט אַרַיין וִוידֶער
דוּרְךְ הִינְטֶערֶע טְהִיר .

6.

צוּ הַאק אִיהְם אוֹיף שְׁטִיקְלַאךְ
מִיט שְׁוֶוערְד אוּנ מִיט לַאנְגְן .
עֶר וֶוערְט וִויא אַ שְׁלַאנְגֶע .
וִויא פְרִיהֶער בַּאלְד גַאנְץ .
נִיט הָאבֶּענְד קַיין רֶעכְטֶע .
פוּן אַלֶע פֶערְאַכְט .
בֶּעזִיגְט עֶר דִיא פַיינְדֶע
מִיט רֶעכְט אוּנ מִיט מַאכְט .

7.

יַאהְר טוֹיזֶענְדֶע רִינֶען
זַיינֶע טְרֶערֶען אוּנ בְּלוּט .
עֶר מַאכְט זִיךְ דַארוֹיס גִיט .

זָאגְט: „אַלֶעס אִיז גוּט!“
זָא וַואנְדֶערְט ,עֶר רוּהִיג
דוּרְךְ פְלַאמֶען אוּנ שְׁטְרַייט
אוּנ הָאפְט זִיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג
אוֹיף בֶּעסֶערֶע צַייט.

---

# זְמִירוֹת.*)

(אֶלְחָנָן)

1.

גֶעלוֹיבְּט זָאל זַיין דֶער גְרוֹיסֶער גָאט.
וָואס רוּהֶע אוּנְז גֶעגֶעבֶּען הָאט.
וָואס אוּנְזֶער נֶפֶשׁ הָאט בֶּעפְרַייט
פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּנ פוּן לֵייד;
עֶר וֶועט אוֹיךְ צִיוֹנְס פַּיין דֶערְזֶעהְן.
וָואס אִיז בִּיז אִיצְט פַאְרְוִויסְט גֶעוֶוען!
דֶ״ר דָאזִיגֶער. וָואס שַׁבָּת הִיט.
אַ זוּן. אַ טָאכְטֶער פוּן אַ יוּד.
בֶּעוִוילִיגֶען וֶועט גָאט זַייא דַאנְ.
וִויא קָרְבָּן מְנָחוֹת אִין אַ פַאן.

---

*) אִיבֶּערְזֶעטְצְט. „בָּרוּךְ אֵל עֶלְיוֹן“

2.

אָט . יענער וואס אויף וואלקענס רייט .
וואס קינגט שוין א לאנגע צייט .
ער האט זיין פאלק געגעבען רוה
און זיסע שפייזען נאך דערצו .
געריכטען גוטע זייער פריש ,
געשמאקען טשאלנט . קוגעל . פיש ;
דער דאזיגער . וואס שַבָּת היט א . ז . וו .

3.

ווער שַבָּת האלטען האט געוואלט
וועט דאפעלט זיין פון גאט בעצאהלט .
פון גאט . וואס אויף דעם הימעל זיצט .
פון אלטע צייטען ביזעל איצט
און אלע הימלען מיט דער ערד
אויף אייביג נאר צו איהם געהערט .
דער דאזיגער . וואס שַבָּת היט א . ז . וו .

4.

ווער שַבָּת האלט נאר ווי דאס רעכט .
איהם הייליגט אין איהם ניט פארשוועכט
און האלט איהם טהייער אין גאנץ פיין .
אזוי ווי עס געהערט צו זיין :
וועט גאט באצאהלען איהם זייז לוין

אִין דֶעם גַן עֵדֶן מִיט אַ קְרוֹין.
דֶער דָאזִיגֶער. וָואס שַׁבָּת הִיט א. ז. וו.

5.

דֶער בֶּעסְטֶער פוּן דִיא טֶעג אִיז עֶר.
גֶערוּפֶען הָאט אִיהְם גָאט. דֶער הֶערְר,
גַאנְץ גוּט וֶועט זַיין דֶעם פְרוּמֶען יוּד.
וָואס וֶועט אִיהְם הַאלְטֶען עֶהרְלִיךְ נִיט;
אִין קְרוֹין וֶועט עֶר שְׁפַּאצִירֶען גֵיין.
וַוייל גָאט הָאט דַאנְן גֶערוּהְט אַלֵיין.
דֶער דָאזִיגֶער. וָואס שַׁבָּת הִיט א. ז. וו.

6.

גֶעדֵיינְק דֶעם שַׁבָּת. וִויא עֶס שְׁטֵייט.
אוּנ הֵיילִיג אִיהְם גַאנְץ וַוייט אוּנ בְּרֵייט.
הֵייב אוֹיף זַיין הָארְץ אִין דֶער הוֹיךְ.
זֶעה צוּ דַיין גוּף מִיט שְׁפַּייזֶען אוֹיךְ;
מִיט עוֹנֶג שַׁבָּת. נַחַת. פְרֵייד.
פַארְגֶעס אָן צָרוֹת אוּנ אָן לֵייד.
דֶער דָאזִיגֶער. וָואס שַׁבָּת הִיט א. ז. וו.

7.

דוּא מַלְכָּה שַׁבָּת זַייא גֶעלוֹיבְּט
דַיין בְּרָכָה שִׁיק אוֹיף אוּנְזֶער הוֹיפְּט;

מְלָאכוֹת אַלֶע לֵיינְט אַוֶועק
אִין אַייֶער הויז פוּן עֶק בִּיז עֶק.
דִיא זִין. דִיא טֶעכְטֶער אוּנ דִיא קְנֶעכְט
אוּנ אַלֶע דִינְסְטֶען. נָאךְ דֶעם רֶעכְט.
דֶער דָאזִינֶער וָואס שַׁבָּת הִיט א. ז. וו.

---

## דָאס לוּסְטִיג לֶעבֶּען. *)

(אֶלְחָנָן)

1.

מִיר מַאכֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען.
מִיר לֶעבֶּען זֵייעֶר גוּט אוּנ פַיין.
מִיר טַאנְצֶען. זִינְגֶען. שְׁפִּילֶען. לַאכֶען
אוּנ טְרִינְקֶען אַלְטֶען. גוּטֶען וַויין!
דִיא פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁען אוּנְז בֶּעעֶהְרֶען.
פַאר פְּרִיצִים יֶעדֶער אוּנְז בֶּעטְרַאכְט;
פִּילְט אָן דִיא בֶּעכֶער מִיט מָאדֶערְן.
לְחַיִים. לְחַיִים. בְּרִידֶער. מַאכְט!

2.

מִיר לֶעבֶּען דָאךְ. וִויא אִין גַן עֵדֶן.

---

*) פון דיא פארצייטיגע פְּרִיצִים.

אָהְן זָארְג. אָהְן דַאְגָה אוּנ אָהְן שְׁמֶערְץ.
מִיט שִׂמְחָה שָׂשׂוֹן אוּנ מִיט פְֿרֵיידֶען.
עֶרְקְוִויקֶען אוּנְז מִיט וַויין דָאס הֶערְץ.
מִיר הָאבֶּען נִיט קַיין מַאנְגֶעל קֵיינֶער.
מִיר הוּלֶיען שְׁטֶענְדִיג טָאג אוּנ נַאכְט!
נוּ. פִילְט זְשֶׁע אָן דֶעם כּוֹס מִיט רֵיינֶער.
לְחַיִים. לְחַיִים. בְּרִידֶער מַאכְט!

3.

אִיהְר שֵׁיינֶע פְרַיילֵיינְס. פַיינֶע חַייבֶּער.
אָ. טְהֵיילְט מִיט אוּנְז דִיא לוּסְט אוּנ פְֿרֵייד!
וִויא גוּטֶע פְּרַיינְדִינְס. אֵיינֶע לַייבֶּער.
וָואס מַיינְס. דָאס דַיינְס. קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד!
נוּ. קוּמְט גֶעשְׁוִוינְד אִין אוּנְזֶערֶע אָרֶעמְס.
אַזוֹי. אַזוֹי. נַאנְץ שְׁטִיל. גַאנְץ זַאכְט.
פִילְט אָן דֶעם כּוֹס מִיט רֵיינֶעם וַוארֶעמְס.
לְחַיִים. לְחַיִים. אַלֶע מַאכְט!

4.

וָואס בּוֹיעֶרֶן טוֹיזֶענְדֶע זִיךְ וֶועלֶען
אוּנ אַרְבֵּייטֶען דָאס גַאנְצֶע יָאהְר.
דָאס וֶועלֶען מִיר בַּאלְד גִיךְ אוֹיס שְׁטֶעלֶען
צוּ אוּנְזֶער פַארְגֶעְנִיגֶען נָאר!
גֶעשְׁוִוינְד. גֶעשְׁוִוינְד. אִיהְר לִיעבֶּע שְׁוֶועסְטֶער.

יִשְׁט לַאנְג גֶעגֶעגֶעצְט. נִיט גֶעטְרַאכְט.
אָט אִיז שַׁאמְפַּאנְיֶער וַויין דֶער בֶּעסְטֶער.
לְחַיִּים. לְחַיִּים. אַלֶע מַאכְט!

—:—

# מַה יָּפִית.

(אֶלְחָנָן)

1.

מַה יָּפִית וּמַה יָּפִית!
שֵׁיין בִּיסְט דוּא אוּנ זֵייעֶר זִיס!
מַלְכָּה שַׁבָּת. וִויא דוּא הֵייסְט.
אוּנְזֶער לֶעבֶּען. אוּנְזֶער טְרֵייסְט!
גִיסְט אוּנְז שְׁפֵּייזֶען זֵייעֶר וואוֹיל.
עֶס צוּגֵייט זִיךְ נָאר אִין מוֹיל!
גוּט. גוּט. גוּט. אַ גוּטֶער טַעַם.
פַּאמְבִּים. בַּאמְבִּים. בַּאמְבִּים. בַּאם!

2.

מַה יָּפִית וּמַה יָּפִית!
שֵׁיין בִּיסְט דוּא אוּנ זֵייעֶר זִיס
מַלְכָּה שַׁבָּת. וֶוער בִּיסְט דוּא?
אוּנְזֶער נַחַת. אוּנְזֶער רוּה!
מַאכְסְט אוּנְז תַּעֲנוּג. מַאכְסְט אוּנְז פְרֵייד.

יֶעדָער אִין אַ רֵיינֶעם קְלֵייד.
גוּט. גוּט. גוּט. אַ גוּטֶער טַעַם. א. ז. וו.

3.

מַה יָפִית וּמַה יָפִית!
שֵׁיין בִּיסְט דוּא אוּנ זֵייעֶר זִים
מַלְכָּה שַׁבָּת. אוּנְזֶער לִיכְט.
פַאר אוּנְז יוּדֶען אַ גוּט גֶערִיכְט;
אַלֶע אַרְבַּייט אוֹיפְגֶעהֶערְט.
קְלָלוֹת חֲרָמוֹת נִיט גֶעהֶערְט.
גוּט. גוּט. גוּט. אַ גוּטֶער טַעַם. א. ז. וו.

4.

מַה יָפִית וּמַה יָפִית!
שֵׁיין בִּיסְט דוּא אוּנ זֵייעֶר זִים!
מַלְכָּה שַׁבָּת. אוּנְזֶער הֶערְץ.
אוּנְז פַארְלָאזְט הַיינְט קוּמֶער שְׁמֶערְץ.
ווִייא בַּיים קִינִיג אוּנְזֶער טִישׁ:
קוּגֶעל. טְשָׁאלֶענְט. צִימֶעס. פִישׁ!
גוּט. גוּט. גוּט. אַ גוּטֶער טַעַם.
בַּאמְבִּים. בַּאמְבִּים. בַּאמְבִּים. בַּאם!

всей Гиршовичъ
Шапиро.

# עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל

(אֶלְחָנָן)

1.

בַּייא דִיא טַייכֶען בָּבֶלְס זַייֶנען
מִיר גֶעזֶעסֶען אוּנ גֶעוויינְט.
דֶער מָאהְנֶענְד זִיךְ אָן צִיוֹנְס פַּייֶען
אוּנ וִויא זִיא הָאט אַ מָאל גֶעשַׁיינְט.

2.

אוֹיף יֶענֶע בּוֹימֶער אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען
אוּנְזֶרֶע הַארְפֶּען הָאבֶּען מִיר.
וַוייל דִיא. וָואס הָאבֶּען אוּנְז גֶעפַאנְגֶען
גֶעבֶּעטֶען הָאבֶּען אוּנְזֶער שִׁיר.

3.

דוּרְךְ שְׁפֶּעטֶערַייֶען אוּנ דוּרְךְ לַאכֶען
הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט דֶער פַייְנְד מִיט צְוַואנְג:
„אִיהְר. יוּדֶען. זָאלְט אוּנְז פְרֵייְלַאךְ מַאכֶען
מִיט צִיוֹנְס לִיעֶדֶער אוּנ גֶעזַאנְג“.

4.

ויא קֶענֶען מִיר דֶען גָאטֶעס לִיעֶדֶער
ינְגֶען אִין אַ פְרֶעמְדֶען לַאנְד?
אויב אִיךְ פַאר גֶעס דִיךְ. צִיוֹן. ווִידֶער

אָבְּפּוּילֶען זָאל מַיין רֶעכְטֶע הַאנְד !

5.

מַיין צוּנְג זָאל צוּ קְלֶעפֶּען צוּם גוּמֶען .
אויבּ אִיךְ װֶעל דִיךְ פַּארְגֶעסֶען װֶוען .
אויבּ דוּא װֶעסְט מִיר אִין זִינֶען נִיט קוּמֶען
אויף אַלֶע שִׂמְחוֹת אִין מַיין פְּלֶען .

6.

דֶער מַאהְן דִיךְ . גָאט . אָן דִיא רְשָׁעִים .
װָאס הָאבֶּען אַלֶע . אִין אֵיין בּוּנְד .
גֶעזָאגְט . רַייסְט אוּיס יְרוּשָׁלַיִם .
רַייסְט אוּיס אִין גַאנְצֶען בִּיז צוּם גְרוּנְד !

7

דוּא בָּבֶל . קִינִיגְרַייךְ פוּן מֶערְדֶער
אָ . דַיין מַפָּלֶה װֶעט זַיין גְרוֹיס !
דַיין חֵטְא װֶעט מֶען מִיט שַׁארְפֶע שְׁװֶערְדֶער
בַּאצָאהְלֶען דָאפֶּעלְט דִיר אִין שׁוֹם .

8.

װאוּיל יֶענֶעם . װָאס װֶעט דִיךְ דֶערְטַאפֶּען
אוּנ זִיךְ מִיט דִיר . װִיא דוּא . בֶּענֵיין .
װָאס װעט דִיא קִינְדֶער דַיינֶע חַאפֶּען

און זייא צו זעמצען אן א שטיין.

---:o:---

## דאס פערצווייפלונגס ליעד. *)

(קאמלעט, פרינץ פאן דאניע פון שעקספירס טראגעדיע (זוען), זינגט ריזלאפאטקי)

1.

טשי האט איהר וער געקענט מיין פריינד?
וויא שיין געגלענצט האט זיין געשטאלט!
זיין ליכטיג פנים האט געשיינט
גאנץ וויא דער מארגענשטערע שטראהלט!

2.

וויא דימענטען דיא אויגען זיינע
און זיינע רייד וויא האניג זים;
זיין שטערען מיט דיא גרייזלאך פיינע.
דאס האט איהר ניט געזעהן געוויס.

3.

נאר איצטער ליגט ער אין א זארג.
אין פינסטערן קבר גאנץ אליין!
פאר וואקסען מיט א שווערען בארג
און צו געפרעסט נאך מיט א שטיין!

---

*) איבערזעטצט פון האמלעט.

4.

צום קֶבֶר הָאט מֶען אִיהְם בֶּעלֵייט !
עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען וִויא פַארשְׁטֵיינְט !
אוּנ אִין תַּכְרִיכִים אָנְגֶעקְלֵיידֶט .
מִיט הֵייסֶע טְרֶערֶען אִיהְם בֶּעוֵויינְט !

5.

אַ ד׳ . לִיעבֶּער פְרַיינְד גַאנְץ פְּרִיה בִּין אִיךְ
צוּ דִיר גֶעקוּמֶען שְׁטִילֶער הֵייד :
„נוּ קוּם זְשֶׁע , קוּם צוּ מִיר אוֹיף גִיךְ .
אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר מִיט גְרוֹיסֶע לֵייד״ !

6.

עֶר הָאט גֶעשְׁוִוינְד זִיךְ אָנְגֶעקְלֵיידֶט
אוּנ קוּמְט צוּ מִיר . נִישְׁט לַאנְג גֶעווַארְט .
„אִיךְ לִיעבּ דִיךְ שְׁוֶוערְט עֶר . לֶעבֶּענְסְצַייט״ ! ,...
עֶר הָאט מִיךְ אָבֶּער אָבְּגֶענַארְט !

7.

וִויא שְׁוֶוער אִיז צוּ גֶעפִינֶען אִיצְט
אַ גוּטֶען פְרַיינְד מִיט אַ מֶענְשֶׁענְהֶערְץ !
עֶר הָאט מִיךְ נָאר וִויא אָבְּגֶעפְּרִיצְט .
וָואס טְהוּא אִיךְ ? בִּיטֶער אִיז מַיין שְׁמֶערְץ !

8.

אִיךְ זָאג צוּ אִיהְם. „מַיין לִיעבֶּער פְרַיינְד.
פַאר וָואס הָאסְט דוּא מִיךְ אָבְּגֶענַארְט!
דָאךְ אִיךְ בִּין דִיר גֶעטְרַייא בִּיז הַיינְט —.
וָואס אִיז. דָאס לִיעבְּסְטֶער. פַאר אַיין אַרְט"!...

9.

דָא עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר מִיט גְרוֹיס שְׁפָּאט:
„דִיךְ נַארֶען הָאבּ אִיךְ גִיט גֶעטְרַאכְט.
אִיךְ שְׁוֶוער דִיר נָאךְ אַ מָאל בַּייא גָאט:
אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר גֶעלַאכְט גֶעלַאכְט"!

——⁂——

## דָאס לִיעד פוּן דֶעם קְלוֹיזְנֶער. *)

1.

אִיךְ בִּין אַ קְלוֹיזְנֶער פוּן פִיל יָאהְר.
מַיין עֵסֶק וֶועט זִיךְ אוֹיבִּיג פִיהְרֶען.

*) דָאס לִיעד הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְזֶעטְצְט אוּנ אוּמְגֶעאַרְבַּייט פוּן אַ דַייטְשֶׁען זְשׁוּרְנַאל, וָואס הָאט זִיךְ אַ מָאל אִין וִוינֶען אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען אוּנ דֶערִיבֶּער קֶען דֶער לֶעזֶער זֶעהֶן, אַז דִיזֶעס לִיעד אִיז גַאנְץ פֶערְשִׁיעדֶען פוּן דֶעם „קְלוֹיזְנֶער", וָואס נָאטְלָאבֶּער הָאט פֶערְפַאסְט, אָדֶער אוֹיךְ פוּן דֶעם זֶעלְבֶּען דַייטְשֶׁען זְשׁוּרְנַאל אִיבֶּערְזֶעטְצְט אוּנ אוּמְגֶעאַרְבַּייט.

מַיין פִּירְמַא אִיז. „דָאס קְלויז ַקאנְטָאר“.
מִשְׁנַיוֹת — אַקְצִיֶעס אוּנ פַּאפִּירֶען.

2.

וִויא נָאר אַ צַעַר טְרֶעפְט אִין אַ הויז.
אַ מֶת אַ קְרַאנְקֶער לִיגְט צוּם שְׁטֶערְבֶּען.
דַאן לויפְט מֶען בַּאלְד צוּ מִיר אִין קְלויז
דִיא אַקְצִיֶעס מַיינֶע צוּ עֶרְוֶוערְבֶּען.

3.

אויךְ וֶוען אַ שִׂמְחָה אִיז וואוּ נָאר.
אַ בְּרִית. אַ חַתוּנָה בַּייא לַייטֶען.
דַאן קוּמְט מֶען אויךְ אִין מַיין ַקאנְטָאר
דָאס קְלֵיינְגֶעלְד אויף מִשְׁנַיוֹת בַּייטֶען

4.

אַ בְּרִית. אַ יָאהְרְצַייט. גַאנְץ עֶנַאל
אֵל מָלֵא רַחֲמִים. ַקדִישׁ זָאגֶען
דָאס אִיז מַיין זִיכֶער קַאפִּיטַאל.
וָואס טְהוּט מִיר גוּטֶע צִינְזֶען טְרָאגֶען.

5.

יֶעם קֶען זִיךְ זַיין דֶער קוֹרְם וִויא קְלֵיין.
הָאבּ אִיךְ נִיט מוֹרָא פַאר ַקיין קְרַאבֶּען
מִשְׁנַיוֹת וֶועט דָאךְ אֵייבִּיג גֵיין.

זיין הויז וועט קיינער ניט צו מאכען.

6.

דיא אקציעס מיינע שטייען גוט
אונ קיין מאל וועלען זייא ניט פאלען.
וייל ווער אין קלויז ביים ספר רוהט.
האט טרויען אונ קרעדיט ביי אלען.

7.

דעריבער לעב איך רוהיג שטיל.
בין ניט מקנא קיינעמס לעבען.
אונ ווען איך אויך פארדין ניט פיל.
וועט גאט מיר אויבען דאפעלט געבען.

---

## דאס קלאגע ליעד.

(הספד) אויף דאס יודישע טהעאטער.

1.

א. וויא געשריגען. וויא געשריגען!
דאס יודיש טהעאטער איז פארבייא!
נישט דא קיין ליעד. נישט דא קיין ניגון.
נישט דא קיין טענצלאך—וויא. א וויא!

2.

דיא קינסטלער אלע וויא דיא פליגען

צוּ פְלִיגֶען זַיינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.
קַיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט נִיט וואוּ צוּ קְרִיגֶען.
אִין קֶעשֶׁענֶע קַיין גְרָאשֶׁען גֶעלְד!

3.

פַאר שְׁמַאכְט דִיא צוּנְגֶען אוּנ דִיא לִיפֶּען,
אִין מָאגֶען לוּפְטִיג. זֵייעֶר פְרַייא!
נִיט פוּן דֶער שְׁטֶעלֶע זִיךְ צוּ רִיפֶּען!
דִיא צֵיינְדְלַאךְ קְלַאפֶּען. אַיי. אַיי. אַיי!

4.

פַארְפַאלֶען זַיינֶען דִיא אַקְטֶערֶן!
פַארפַאלֶען. אַךְ דָאס גַאנְצֶע שְׁפִּיל!
נִישְׁט דָא קַיין וֶוערְטְלַאךְ וואוּ צוּ הֶערֶען.
קַיין נִבּוּל פֶּה. קַיין שְׁטוּת פִּיל!

5.

אוֹיךְ דִיא אַקְטְרִיסֶען. פוּן מְחַבְּלֶען;
פַארְחַאפְּט גֶעוֶוארֶען זַיינֶען זֵייא!
צוּ קִיצְלֶען וֶועסֶען אוּנ צוּ גְרַאבְּלֶען
אִיז מֶעהְר נִישְׁט דָא—אָי. וֵוייא. אָי. וֵויי

6.

פַארזִינְדִיגְט הָאט מֶען אַלֶע שְׁרַייבֶּער.

וָואס הָאבֶּען פִּיעֶסֶען אָנְגֶעמַאכְט .
דִיא אַלֶע מֶענֶער אוּנ דִיא וַוייבֶּער .
וַואס הָאבֶּען דוּמְהַייט אויסגֶעטְרַאכְט .

7.

וָואס הָאבֶּען גֶעגַנְבֶעט שְׁטִיקֶער
פוּן אַנְדֶערֶע טֶעאַטֶערשְׁטִיק
אוּנ נָאר גֶעקְרִימְט זִיךְ . וִויא אַ שִׁכּוֹר
נָאךְ יֶענֶעמְס חִבּוּר מִיט גְרוֹיס שִׁיק

8.

גֶעפַאלֶען זַיינֶען פְּרָאפֶּעסָארֶען
פוּן אוּנְזֶער יוּדִישֶׁען זְשַׁארְנָאן .
מְחַבְּרִים גְרוֹיסֶע אוּנ אוּיטָארֶען
פוּן וַואנְצֶענְפִּיֶעסֶען . אַךְ . פַּארְדָאן !

9.

גֶעשְׁטָארְבֶּען דָאס טֶעאַטֶער . יוּדֶען !
הַייבְּט אוֹיף דָאס קוֹלְבָער מִיט גֶעוויין
אוּנ זָאגְט : אָ . רוּהֶע דִיךְ . אִין פְרֵיידֶען .
אִין אֵייבִּיגְקַייט . אָמֵן . אָמֵן !

# אַ בְּרָכָה מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ.

1.

וואו נֶעהְם אִיךְ. זָאגְט. אַזוֹי אַ לַייטֶעל
וָואס זָאל זַיין פוּן עֲבֵרוֹת רַיין?
זָאל נִיט נָאר רֵיינְקֶעוּ פוּן זַיין בַּייטֶעל,
נָאר הַאנְדְלֶען כָּשֵׁר. עֶהְרְלִיךְ. שֵׁיין?
וָואס זָאל אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט בֶּעטְרִינֶען.
נִיט שְׁווִינְדְלֶען וְוִיא אַ שַׁאכֶערֶער. —
אִיהְר קֶענְט אַזוֹי אַ מֶענְשֶׁען קְרִינֶען?
נוּ. בֶּעט אִיךְ אַייךְ נִיט אִיהְם אַהֶער.
אִיךְ זָאל אוֹיף אִיהְם מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה
אַ בְּרָכָה מַאכֶען. שֶׁהֶחֱיָנוּ.

2.

וֶוער קֶען גֶעפִינֶען אַ קַאסִירֶער.
וָואס גַנְבֶעט נִיט קֵיין קַאפִּיטַאל?
אַ בַּאנְק דִירֶעקְטָאר אַ בּוּכְפִיהְרֶער.
וָואס טְרוֹגֶען. וָואס אוֹיף זֵייא אִיז חַל?
וָואס עֶהְרְלִיךְ טְרֵייא דֶעם עֵסֶק דִינֶען.
פוּן אֵיינֶענוּטְץ נִיט טְרַאכְטֶען מֶעהְר. —
אַזֶעלְכֶע קֶענְט אִיהְר וֶוער גֶעפִינֶען?
נוּ. אַדְרַבָּה. גִיט אַהֶער.
אִיךְ זָאל אוֹיף זֵייא מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה.

אַ בְּרָכָה מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ.

3.

װֶער קֶען אַזױ אַ שַׁדְכָן קְרִיגֶען.
עֶר זָאל נִיט זַיין קַיין גְרױסֶער פְלִיט?
עֶר זָאל נִיט אָנְזָאגֶען קַיין לִיגֶען
אױף יֶעדֶען טְרִיט אוּנ יֶעדֶען שְׁרִיט?
זָאל נִיט אַזױ אַ טֶבַע הָאבֶּען
צוּ לִיבּ זַיין גוּטְץ אוּנ זַיין בֶּעגֶעהְר
פִיל יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען צוּ בַּאגְרָאבֶּען. —
אִיךְ בֶּעט אַייךְ. גִיט אִיהְם מִיר אַהֶער.
אִיךְ זָאל אױף אִיהְם מִיט גְרױס כַּוָנָה.
אַ בְּרָכָה מַאכֶען. שֶׁהֶחֱיָנוּ.

4.

אָ. גִיט אַהֶערְצוּ דֶעם טְשִׁינָאװְנִיק.
דֶעם אַדְוָאקַאט. חַאדַאטַייא.
װָאס דֶער גֶערֶעכְטֶער אוּנ װִינָאװְנִיק
זָאל נִיט בַּייא זַייא זַיין אֵיינֶערְלֵייא
פוּן זַייא דֶעם קָאפּ אַרָאפּ צוּ רַייסֶען
אוּנ צַאפֶּען גֶעלְד װָאס מֶעהְר. װָאס מֶעהְר. —
אָזֶעלְכֶע קֶענְט אִיהְר מִיר בֶּעװַייזֶען? —
ט. חְלֶעבֶּען. גִיט זַייא מִיר אהֶער.
אִיךְ זָאל אױף זַייא מִיט גְרױס כַּוָנָה.
אַ בְּרָכָה מַאכֶען. שֶׁהֶחֱיָנוּ.

5.

גֶעפִינְט מִיר חָאטְשׁ אַ דָאקְטָאר אֵיינֶעם.
וָואס זָאל נִיט לִיבּ הָאבֶּען קַיין גֶעלְד ?
וָואס מִיט גֶעוִויסֶען זָאל נִיט קֵיינֶעם
אַוֶועק שִׁיקֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט ?
עֶר זָאל דִיא קְרַאנְקְהֵייט גוּט בַּאקְלֶערֶען
אוּנ זִיא בֶּעהַאנְדְלֶען. וִויא׳ס גֶעהֶער ? —
וֶועט אִיהְר פוּן אַזוֹי אַ דָאקְטָאר הֶערֶען.
בֶּעט אִיךְ אַייךְ. גִיט אִיהְם מִיר אַהֶער.
אִיךְ זָאל אוֹיף אִיהְם מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה
אַ בְּרָכָה מַאכֶען: שֶׁהֶחֱיָנוּ.

6.

וואוּ שְׁטֶעקְט דֶער סוֹחֵר. קֶענְט אִיהְר זָאגֶען ?
וַוייזְט אָן. אִין וֶועלְכֶען מַאגַאזִין.
וָאם זָאל נִיט גֶעבֶּען שְׁלֶעכְטֶע וָואגֶען.
נִיט מֶעסְטֶען פַאלְשׁ אוֹיף זַיין אַרְשִׁין ?
עֶר זָאל נִיט נֶעהְמֶען דָאפֶּעלְט פְּרַייזֶען.
נִיט שְׁנַיידֶען בַּייטְלֶען. וִויא מִיט אַ שֶׁער. —
אִיהְר קֶענְט אַזוֹי אַ סוֹחֵר וַוייזֶען ?
נוּ: גִיט אִיהְם. בֶּעט אִיךְ אַייךְ. אַהֶער.
אִיךְ זָאל אוֹיף אִיהְם מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה.
אַ בְּרָכָה מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ.

7.

אויך וֶוער קֶען אַיין אַקְטָאר בֶּעקוּמֶען ·
עֶר זָאל גוּט שְׁפִּילֶען · מִיט גֶעפִיהְל ?
עֶר זָאל נִיט מֵיינֶען · נָאר מְזוּמָן
אוּנ בְּרַאוָואם חַאפֶּען פַאר זַיין שְׁפִּיל ?
עֶר זָאל נִיט שְׁפִּילֶען מִיט פִּיל גְרַייזֶען
אוּנ אִין דֶער עִבְרִי נִיט זַיין שְׁוֶוער ?
אִיהְר קֶענְט אַזֶעלְכֶען מִיר בֶּעוַייזֶען ?
נוּ · בֶּעט אִיךְ אַייךְ · גִיט אִיהְם אַהֶער ·
אִיךְ זָאל אוֹיף אִיהְם · מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה ·
אַ בְּרָכָה מַאכֶען · שֶׁהֶחֱיָנוּ ·

---

# הֶבֶל הֲבָלִים ·

1.

אִיךְ קֶען נִיט פַאַרְנֶעהְמֶען ·
וָואם מֶענְשֶׁען זִיךְ קְלֶעמֶען ·
זִיךְ מוּטְשֶׁען ; זִיךְ מִיהֶען
אוּנ לוֹיפֶען אוּנ פְלִיהֶען ·
פַאַרְקוֹיפֶען אוּנ קוֹיפֶען
אוּנ בּוֹיעֶן זִיךְ הוֹיפֶען ·
זִיךְ שְׁלָאגֶען · זִיךְ שִׁיסֶען
פאר זֵייעֶר בְּרוֹיטְקִיסֶען !

וָואס פְלִיהְט אִיהְר ? וָואס וִוילְט אִיהְר ?
דֶעם קָאפּ זִיךְ · וָואס דִילְט אִיהְר ?
אַל דִינְג אִיז אַ חָלוֹם
אוּנ הֶבֶל הֲבָלִים.

2.

אָט יֶענֶער וִויל רַייךְ זַיין.
מִיט גְבִירִים צוּ גְלַייךְ זַיין.
וִויל כָּבוֹד בֶּעקוּמֶען
פַאר גֶעלְד. פַאר מְזוּמָן ;
אַרוּם לוֹיפְט פַארמַטְרָאגֶען.
זִיךְ נָאר צוּ דֶערשְׁלָאגֶען
צוּ זַיין שְׁטַארְק בַּאגֶעהְרֶען.
אַיין עוֹשֶׁר צוּ וֶוערֶען. —
דוּא שׁוֹטֶה. וָואס וִוילְסְט דוּא ?
דֶעם קָאפּ דִיר. וָואס דִילְסְט דוּא ?
אַלְדִינְג אִיז אַ חָלוֹם
אוּנ הֶבֶל הֲבָלִים.

3.

אָט דֶער וִויל אַלְץ וִויסֶען
אוּנ בִּילְדוּנְג גֶענִיסֶען.
אִין יַם אַרָאפּ קְרִיכְט עֶר.
אִין דְרֶערְד גְרָאבְּט עֶר. זוּכְט עֶר.
עֶר קוּקְט אוֹיף דִיא שְׁטֶערֶען

אַ חָכָם צוּ װֶערֶען ;
עֶר בְּרֶעכְט זִיךְ דֶעם שַׁארְבֶּן
אוּנ װֶעט אַ נַאר שְׁטַארְבֶּען .
דוּא. פְּרוּץ. װָאס װִילְסְט דוּא ?
דֶעם קָאפּ דִיר װָאס דִילְסְט דוּא
אַלְדִינְג אִיז אַ חָלוֹם
אוּנ הֶבֶל הֲבָלִים !

4.

מֶען לױפְט אױף מִלְחָמָה
מִיט כַּעַס. מִיט נְקָמָה .
פַארְבְּרֶיינְקְט קַאפִּיטַאלען .
פִיל מֶענְשֶׁען אױסְפַאלֶען .
פַארְנִיכְטֶען פִיל זַאכֶען .
פִיל שְׁטֶעט חָרוּב מַאכֶען .
זִיךְ שִׁיסֶען . שְׁלָאגֶען
פַאר עֶרְדְמִיסְט אַ װָאגֶען .
װָאס לױפְט אִיהְר ? װָאס װִילְט אִיהְר ?
דֶעם קָאפּ זִיךְ װָאס דִילְט אִיהְר ?
אַלְדִינְג אִיז אַ חָלוֹם
אוּנ הֶבֶל הֲבָלִים .

5.

אָט דֶער לֶיעבְּט אַ מֵיידֶעל
גַאנְץ פְרֵיינְדְלִיךְ . גַאנְץ אֵיידֶעל ;

עֶר װֶערְט נִיט אָבְּהֶענְגִיג.
זִיךְ שְׁפִּילְט מִיט אִיהְר שְׁטֶענְדִיג ׃
שְׁלָאגְט אָב אִיהֶרֶע שְׁװֶעלָען
און פְלִיהְט אויף דִיעָלֶען
מִיט פַייֶער. מִיט הִיטְצֶען
זַיין לִיעֶבֶּע צוּ שִׁיטְצֶען. —
דוּא. שֶׁקֶץ. וָואס װִילְסְט דוּא?
דֶעם קָאפּ דִיר וָואס דִילְסְט דוּא?
אַלְדִינְג אִיז אַ חָלוֹם
און הֶבֶל הֲבָלִים.

6.

עֶס לױפְט אִין טְהֶעאַטֶער
אַ הוּנגֶרֶער אַ זַאטֶער.
אַ דִינְסְט מױד אַ שְׁנַואטְשְׁקֶע.
אַ קֶעכִין. אַ פְּרַאטְשְׁקֶע ׃
אַ שׁוּסְטֶער. אַ בְּלֶעכֶער.
אַ נִיכְטֶרֶער. אַ שְׁװֶעכֶער.
פִּיל דַאמֶען און הֶערְרֶען
דִיא פִּיֶעסֶעס צוּ הֶערֶען. —
וָואס לױפְט אִיהְר? וָואס װִילְט אִיהְר?
דֶעם קָאפּ זִיךְ וָואס דִילְט אִיהְר?
אױךְ דָאס אִיז אַ חָלוֹם
און הֶבֶל הֲבָלִים.

...жей Гиршевичъ Шапиро

# דָאס מַשָׂא וּמַתָּן.

(אַשׁייגֶער מַשָׂא וּמַתָּן)

1.

דָאס לֶעבֶּען פְלִיהְט גִיךְ. וִויא אַ וִוינְד.
זַיין גְלִיק הֵיילְט יְעדֶער אוֹיס צוּ לַאטֶען.
וִויא מִיגְלַאךְ גִיכֶער אוּנ גֶעשְׁוִוינְד.
נָאר דוּרְךְ אַ גוּטֶען מַשָׂא וּמַתָּן.

2.

וָוען אֵיינֶער זִיךְ דֶער דִינֶען וִויל.
וִויל קְרִינֶען גוּטֶע אַטֶעסְטַאטֶען.
מוּז זַיין נַאטְשַׁיילְנִיק שְׁמֵייכְלֶען פִיל
אוּנ גֶעבֶּען אִיהְם דָאס מַשָׂא וּמַתָּן..

3.

וֶוען אֵיינֶער נֶעהְמְט אַ יוּנְגֶע פְרוֹיא.
בַּאלְד יַאוֶוען זִיךְ נָאךְ קַאנְדִידַאטֶען
אוּנ דְרֵייעֶן זִיךְ גַאנְץ שְׁטַארְק. אָ. אָיז
אַרוּם. אַרוּם דָאס מַשָׂא וּמַתָּן...

4.

אַ גְרוֹיסֶער קוֹיפְמַאנְן. אַ בַּאנְקִיר.
עֶר גִיט אַרוֹיס פִיל וֶועקְסְלֶען. טְרַאטֶעז:

עֶר נֶעהְמְט דָאס גֶעלְד אונ נִיט פַּאפִּיר. —
דָאס אִיז אַ שָׁפֶּעֶר מַשָּׂא וּמַתָּן!

5.

אַ רֶעסְטָארַאטָאר הָאט אַ מָאל
גֶעגֶעבֶּען דִיר אַ גוּטֶען בְּרַאטֶען.
כְּדֵי עֶר שְׁפֶּעטֶער קְרִינֶען זָאל
גֶעצָאהְלְטְס פַּאר שְׁלֶעכְטֶע מַשָּׂא וּמַתָּן.

6.

אַ פָּאֶעם גֶעשְׁרִיבֶּען הָאט
אַ שִׁיר אַ שֵׁיינֶעם אונ אַ גְלַאטֶען.
צוּ וָואס. מֵיינְט אִיהְר. אִיז דָאס. אָ. גָאט!
נָאר צוּ בֶּעקוּמֶען מַשָּׂא וּמַתָּן

7.

נִישְׁט דָא קֵיין נִסִּים אוֹיף דֶער וֶועלְט.
קֵיין זַאךְ קֶען קֵיינֶעם נִיט פַאְרשַׁאטֶען;
דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט גֶעלְד אונ גֶעלְד
אונ הַאפְּט זִיךְ בַק צוּם מַשָּׂא וּמַתָּן.

——(:::)——

# אִין אַלֶץ אִיז שׁוּלְדִיג נָאר דֶער יוּד.

1.

דָאס הֶערְץ. דָאס הֶערְץ וֶוערְט מִיר צוּ שְׁפְּרוּנְגֶען
וֶוען אִיךְ הֶערצוּ דִיא פְּלוּידֶערַייא.
וָואס אוּנְז פַארְשְׁוֶועכֶען בֵּייזֶע צוּנְגֶען.
גָאר אָהְן שׁוּם בּוּשָׁה אוּנ אָהְן שַׁייא!
אִין אַלְץ בֶּעשׁוּלְדִיגְט מֶען נָאר דֶעם יוּדֶען
וָואס קֵיינֶער אִיז אִין דֶעם נִיט רֵיין.
אִין אַלֶע פַייֶערְן. פְּלַאמֶען. זִידֶען:
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דָער יוּד אַלֵיין.

2.

אִין יֶעדֶעם פָּאלְק וֶועט אִיהְר גֶעפִינֶען
בֶּעטְרִיגֶער אוּנ שַׁאהְרַייֶעם פִיל.
וָואס לוּפְּטִיג זֵייֶער בְּרוּיט פַארְדִינֶען
אוּנ טְהוּן עֲבֵרוֹת אִין דֶער שְׁטִיל.
קְנַאפּ גְזֵלָה. גְנֵבָה אוּנ פְּרָאצֶענְטֶע
אִיז דָארְטֶען. וואוּ קַיין יוּד טָאר זַיין?
דָאךְ זָאגֶען אַלֶע. וִויא פַארבְּלֶענְטֶע.
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דֶער יוּד אַלֵיין.

3.

מְשִׁי נָאר דִיא יוּדֶען זִיךְ עֶרְלוּיבֶּען

צוּ עֶקְסְפְּלָאטִירֶען אִין קַאבַּאק ?
דָאס טְהוּן אוֹיךְ לַייט פוּן אַנְדֶערָן גְלוֹיבֶּען •
דֶער דַייטְשׁ • דֶער רוּסֶע • דֶער פָּאלְיַאק •
זַייא גִיבֶּען דֶען נִיט פַּארְשֶׁע וָואגֶען
אוּנ מֶעסְטֶען מָאסֶען זַייעֶר קְלַיין •
פַאר וָואס זְשֶׁע זָאלְט אִיהְר שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דָער יוּד אַלַיין ?

4•

וָואס הָאט אִיהְר גֶעבַּאךְ צוּ דֶעם יוּדֶען •
וָואס אִיהְר בֶּעטְרַאכְט אִיהְם וִויא אַ טְהִיר ?
מִיט אִיהְם אִיז קֵיינֶער נִיט צוּ פְרִידֶען •
פֶערְפָאלְגְט • פֶערְהַאסְט אִיהְם אָהְן אַ שִׁיעוּר ?
אִיז עֶר דֶען נִיט אַ מֶענְשׁ וִויא אַלֶע
אִין גָאטֶעס בִּילְד גֶעשַׁאפֶען שַׁיין ?
וָואס אִיהְר רַק זָאגְט אָהְן שַׁאֲלָה וּמַעֲלָה •
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דָער יוּד אַלַיין ?

5•

הָאט דֶען דֶער יוּד נִיט קַיין נְשָׁמָה
מִיט אַלֶע מֶענְשֶׁענְקִינְדֶער גְלַייךְ
הָאט אִיהְם דֶען גָאט נִיט פוּן אֲדָמָה
בֶּעשַׁאפֶען אַקוּרַאט וִויא אַייךְ ?
פַאר וָואס זְשֶׁע זָאלְט אִיהְר אָהְן רַחֲמָנוּת

מִיט אַיְיעֶר בְּרוּדֶער זִיךְ בֶּעגֵיין
אוּנ צוּ זֶעצֶען דֶערצוּ הַסְכָּמוֹת
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דֶער יוּד אַלֵיין ;

6.

הָאט עֶר דֶען נִיט ־קַיין בְּלוּט. קַיין גְלִידֶער.
קַיין פִּים. קַיין הֶענְד. ־קַיין אוֹיגֶען צְוֵויא ?
אִיז עֶר דֶען נִיט אַ מֶענְשֶׁענבְּרִידֶער.
נִיט גְלוֹיבְּט אִין גָאט וִויא אַלֶע זֵייא ?
פַּאר וָואס זְשֶׁע קֶענְט אִיהְר אִיהְם נִיט לַיידֶען.
בֶּעהַאנְדֶעלְט אִיהְם אַזוֹי גֶעמֵיין
אוּנ הֶערְט נִיט אוֹיף מִיט כַּעַס צוּ רֵיידֶען.
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דֶער יוּד אַלֵיין ?

7.

הָאט עֶר דֶען נִיט ־קַיין קָאפּ. ־קַיין שֵׂכֶל.
אוּנ קַיין פַאַרְשְׁטַאנְד ׳ ־קַיין מֶענְשֶׁען זִינֶן ?
הָאט עֶר דֶען נִיט ־קַיין מַארְךְ אִין מֹחַ.
וִויא אַלֶע לַייט אוּנְטֶער דֶער זִין ?
פַאר וָואס זְשֶׁע קוּמְט אִיהְם צוּ פֶערְאַכְטֶען
אוּנ זָאגֶען. קְרִיצֶענְד מִיט דִיא צֵיין :
אִין דֶעם אִיז גָאר נִיט. וָואס צוּ טְרַאכְטֶען.
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דֶער יוּד אַלֵיין.

8.

אִיךְ קֶען דָאס וִוירְקְלִיךְ נִיט בֶּעגְרַייפֶען .
פַאר וָואס דֶער יוּד נָאר אִיז פֶערְהַאסְט .
וָואס אַלֶע זַייעֶרֶע צִינְגְלַאךְ שְׁלַייפֶען
צוּ מַאכֶען אִיהְם צוּ שְׁפָּאט . צוּ לַאסְט
נִיט אִין גֶעווִיסֶען . נִיט אִין הֶערְצֶען
הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶעס גֶעפוּנֶען שְׁטֵיין
דָאךְ אִיז אַיין קוֹל מִיט בְּלוּטִיג שְׁמֶערְצֶען .
אַז שׁוּלְדִיג אִיז דֶער יוּד אַלֵיין !

—:—

# אַבְּשִׁידְס לִיעֶד . *)

1.

וואו דוּא בִּיסְט . דָארְט פְלִיהְט מַיין גֶעדַאנְקֶע .
אַהִינְצוּ שְׁטְרֶעבְּט מַיין גַאנְצֶע זִינְן
אוּנ שְׁוֶעבֶּען וִויל מַיין הֶערְץ דָאס קְרַאנְקֶע
אַהִין . וואו דוּא בִּיסְט . אַהִין . אַהִין !

2.

עֶס קוּמְט דִיא צַייט . מִיר מוּזֶען שֵׁידֶען .
פִילְלַייכְט אוֹיף אֵייבִּיג . וִויא גֶעשֶׁעהֶן !

---

*) נַאךְ דֶעם רוּסִישֶׁען .

וִויא קֶען אִיךְ טְרֶערֶען דֶענְן פֶערְמַיידֶען .
גָאט וֵויים. אוֹיבּ מִיר זִיךְ וֶועלֶען זֶעהְן

3.

וֶוענְן מִיר דָאס שִׁיקְזַאל וֶועט בֶּעשְׁטִימֶען .
אִיךְ זָאל אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אָבְּגֵיין .
זָא זָאלְסְט דוּא אוֹיף מַיין קֶבֶר קוּמֶען .
דַיין הֶערְץ אוֹיס גִיסֶען מִיט גֶעוֵויין .

4.

דַיין טְרֶער וֶועט אוֹיף מַיין קֶבֶר קָאפֶּען .
פוּן וָואס אַ בְּלוּם וֶועט דָארְט אַרוֹיס .
וֶועל אִיךְ מִיךְ צוּם גֶעבֶּעט אוֹיפְהַאפֶּען .
דַיין גְלִיק זָאל וַואקְסֶען הוֹיךְ אוּנ גְרוֹיס .

5.

נָאר וֶוענְן דֶעם שֶׁעפֶּער וֶועט גֶעפֶעלֶען .
מִיר זָאלֶען וִוידֶער זַיין פַארְאֵיינְט .
וֶועל אִיךְ אָן אַלְץ פַארְגֶעסֶען וֶועלֶען
אוּנ לֶעבֶּען נָאר מִיט דִיר . מַיין פְרַיינְד .

---:---

# דָאס פָּאגְרָאם.

1.

וָואס אִיז דָאס דָארְט פַאר אַ גֶערוּדֶער?
וָואס לויפְט יִשְׂרָאֵלִיק אַזוֹי גִיךְ?
וָואס הָאט מִיט אִיהְם גֶעטְרָאפֶען וַוידֶער.
וָואס עֶר אַרוּם לויפְט וִויא אַ רִיחַ?

2.

טְשִׁי לויפְט עֶר גֶעבַאךְ פוּן אַ שְׂרֵפָה.
וָואס הָאט בַּייא אִיהְם אִין הויז פַּאסִירְט?
אָדֶער דֶער שְׁרֶעק פַאר אַ מַגֵפָה
הָאט אִיהְם דָעם גַאנְצֶען קָאפּ צוּ רִידְרְט?

3.

פִילַייכְט פוּן זַיין פַאמִילְיֶעגְלִידֶער
אִיז וֶוער גֶעשְׁטָארְבֶּען אָהְן דֶער צַייט
זַיין פָּאטֶער. מוּטֶער. שְׁוֶועסְטֶער. בְּרִידֶער.
הָאס עֶר דִיא הֶענְד בְּרֶעכְט. וֵויינְט אוּנ שְׁרַייט.

4.

אוּנ אֶפְשַׁר זַיינֶען אָנְגֶעפַאלֶען
גַזְלָנִים אוֹיף זַיין רוּהִיג הויז
אוּנ כָאז עֶנְד זַיינַע קַאפִּיטָאלֶען.

אִיז עֶר מִיט לֶעבֶּען קוֹים אַרוֹיס ?

5.

אָדֶער אִיז דָאס אַ נַייֶע גְזֵירָה .
אַ נַייֶע צָרָה אוֹיף אִיהְם נָאר .
וָואס עֶר פַאר צַעַר . פַאר שְׁרֶעק . פַאר מוֹרָא .
זִיךְ אוֹיס רַייסְט פוּן קָאפּ דָאס הָאר ?

6.

אַךְ . בְּרִידֶערְלַאךְ . אִיהְר הָאט גֶעטְרָאפֶען .
מֶען רוֹיבְּט . מֶען גַזְלְט . נָאר אַ שְׁרֶעק !
מִיט לֶעבֶּען בִּין אִיךְ קוֹים אַנְטְלָאפֶען .
צוּ מַיינֶע צָרוֹת אִיז קַיין עֶק !

7.

גַזְלָנִים . מֶערְדֶער . אוּנְמֶערְצִינְדֶער .
קָאמַאנְדֶעס בָּאסֶע . שְׁטַארְק פַארְשְׁוֶועכְט .
פַאדְיָאנְשְׁטְשִׁיקֶעס מִיט וַוייבֶּער . קִינְדֶער .
דָאס דֶער . דָאס יֶענֶער שוֹיבֶּען בְּרֶעכְט !

8.

דִיא אִיבֶּערְבֶּעטֶען אוּן דִיא קִיסֶען .
דָאס מֶעבֶּעל . אַל מַיין הָאבּ אוּן גוּטְס .
דָאס הָאבֶּען זֵייא צוּ שְׁטֶערְט צוּרִיסֶען .

גָאר אָהְן שׁוּם פְּעוּלָה. אָהְן שׁוּם נוּ'ן׃

9.

דָאס מֶעבֶּעל פְּלִיהְט. אַזוֹי וִויא שְׁפֶּענְדְלַאךְ.
דִיא פֶּעדֶערֶען—אַזוֹי וִויא שְׁנֵייא.
דִיא סְפָרִים. כֵּלִים. טֶעפּ. אוּנ פֶּענְדְלַאךְ
צוּהַאקְט. צוּבְּרָאכֶען. וַויא. אָ. וֵוייא!

10.

צוּדִיסֶען הִיטְלֶען. רֶעק אוּנ קְלֵיידְלַאךְ.
גֶעלָאזְט מִיךְ. וִויא אִיךְ שְׁטֵייא אוּנ גֵייא;
גִיט אַכְטֶענְד טְרֶערֶען אוּנ גֶעשְׁרֵייא!

11.

וָואס אִיךְ מִיט שְׁוֵוייס הָאבּ אָנְגֶעקְלִיבֶּען
פוּן פִילֶע יָאהְרֶען. וֵוייא צוּ מִיר!
אִיז דֶער פוּן בַּייא מִיר גָאר נִישְׁט גֶעבְּלִיבֶּען.
חָאטְשׁ גֵייא אִיצְט בֶּעטְלֶען בַּייא דֶער טְהִיר.

12.

מַיין גוּטְס. מַיין סְחוֹרָה. מַיין פַארְמֶעגֶען
הָאט מֶען צוּפְלִינְדֶערְט בִּיז צוּם עֶנְד
אוּנ פוּן מַיין הוֹיז אִיז נָאר גֶעלֶעגֶען
אַ הוֹיפֶען אַש פוּן פְלַאם פַארְבְּרֶענְט!

13.

אַךְ. גָאט! וָוען וָועט אַיין אֶנְדֶע נֶעהְמֶען
צוּ אוּנְזֶער פְּלָאג אוּנ צַעַר אוּנ פַּיין ?!
וֶוען וֶועט דֶער שׂוֹנֵא שׂוֹין זִיךְ שֶׁעמֶען
צוּ אוּנְז אַזוֹי גְרוֹיזַאם צוּ זַיין ?

14.

גֶענוּג שׂוֹין. פָּאטֶער. אוּנְז צוּ שְׁטְרָאפֶּען!
טְרָאגְט אָפּ פוּן אוּנְז דַיין שְׁוֶוערֶע הַאנְד!
צוּ דִיר אַלֵיין אִיז אוּנְזֶער הָאפֶען:
שֵׁיינְק רוּהֶע. פְרִיידֶען אוּנְזֶער לַאנְד!

—:○:—

...сей Гиршовичъ
Шапиро.

# דֶער זַאק.

(קְרִילָאוו)

1.

אִין פָאְרְהוֹיז. עֶרְגֶעץ. אִין אַ קַאנְט.
אוֹיף דְרֶערְד. אִין וִוינְקֶעל. בַּייא דֶער וַואנְד.
אִיז זִיךְ אַ פּוּסְטֶער זַאק גֶעלֶעגֶען.
דִיא נִידֶערִיגְסְטֶע דִינֶער פְלֶעגֶען
דֶעם זַאק דֶערְצוּ גַאנְץ אָפְט בֶּענוּצֶען:
דִיא שִׁיךְ בַּייא זֵייא אַרוּם צוּ פּוּצֶען;
מִיט אֵיין מָאל. אִין אַ קוּרְצֶע צַייט.

װֶערְט אוּנְזֶער זַאק אַ גְרוֹיסֶער לַייט:
מִיט סַכִּין רֶענְדְלַאךְ אָנְגֶעפַּאקְט.
אִין אַייזֶענְקַאסְטֶען פֶּעסְט פַארְהַאקְט;
דֶער בַּעַל־הַבַּיִת נָאר. גַאנְץ אַלֵיין.
גֶעהְמְט שׁוֹין אַרוּם דֶעם זֶעקֶעל גֵיין
אוּנ הָאט אִיהְם נָאךְ אַזוֹי גֶעהִיט.
אַז בְּשׁוּם אוֹפֶן הָאט עֶר נִיט
אַ פְלִיג אוֹיף אִיהְם אַרוֹיף גֶעלָאזֶען
אוּנ נִיט אַ צוּגְוִינְד זָאל אִיהְם בְּלָאזֶען
אוּנ אוֹיסֶער דֶעם װֶערְט אוּנְזֶער שְׁמַאטֶע
מִיט אַלֶעמֶען גָאר פַאנִי בְּרַאטֶע!
קוּמְט נָאר אַ גַאסְט אִין שְׁטוּב צוּ גֵיין.
רֶעט עֶר פוּן זֶעקֶעל װאוּנְדֶער שֵׁיין
אוּנ װֶען דֶער זַאק אִיז אָבְגֶעדֶעקְט
אִיז טוֹיזֶענְד אוֹיגֶען אוֹיף אִיהְם גֶעשְׁטְרֶעקְט.
װֶער זִיצֶען װֶערְט בַּייא אִיהְם גֶעבֶּעטֶען.
דֶער גֶעהְם לַאסְצֶען. גֶעהְמְט אִיהְם גְלֶעטֶען.
וִויא נָאר דֶער זַאק הָאט דָא בֶּעטְרַאכְט
דֶעם װֶעזֶען. װָאס אִיהְם װֶערְט גֶעמַאכְט.
אִיז עֶר גֶעוָוארֶען בַּייא זִיךְ גְרוֹיס.
גֶעלֶערֶענְט. קְלוּג. דִיא װֶעלְט גָאר אוֹיס.
אוּנ הָאט גֶענוּמֶען שְׁטוּתָן רֵיידֶען.
אִין אַלֶין זִיךְ מִישֶׁען. אַלֶין בֶּעשֵׁיידֶען:
„אָט דָאס אִיז. זָאגְט עֶר. גָאר נִיט גוּט.

אוּן יֶענֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער פְּלוּט.
פוּן דֶעם וָועט נִיט קֵיין תַּכְלִית וֶוערֶען.
אוּן אַלֶע שְׁטוֹיסֶען זִיךְ אוּן הֶערֶען.
דָאס מוֹיל גֶעעֶפֶענְט זֵייעֶר וַויט.
וָואס אוּנְזֶער זַאק הָאט אָנְגֶעבְּרֵייט.
חָאטְשׁ עֶר הָאט נַארֶעשְׁקַייט גֶעטֶעכֶערְט.
וָואס הָאט דִיא אוֹיעֶרְן גֶעלֶעכֶערְט!
נָאר בַּייא דִיא מֶענְשֶׁען. צוּם גְרוֹיס צָארָן.
אִיז דָאס דֶער שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶער חִסָרוֹן.
אַז וָואס מִיט רֶענְדְלַאךְ רֶעט אַ זַאק.
אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן נַאנְץ גֶעשְׁמַאק!
נָאר לַאנְג נָאךְ אִיז דֶער זַאק גֶעוֶוען
צוּם גְרוֹיסֶען חָכָם אָנְגֶעזֶעהֶן?
אוּן לַאנְג נָאךְ הָאט מֶען אִיהְם גֶעאַכְט
אִין כָּבוֹד פִיל פַאר אִיהְם גֶעמַאכְט?
וִויא בַּאלְד מֶען הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען
פוּן אִיהְם דָאס בִּיסֶעלֶע מְזוּמָנִים
הָאט קֵיינֶער נִיט גֶעוָואלְט אִיהְם וִויסֶען
אוּן אוֹיף דֶעם פְלֶעק אַרוֹיס גֶעשְׁמִיסֶען
אַהִין. צוּם פְרִיהֶערְדִיגֶען אָרְט
אוּן וֶוער רֶעט אִיצְט פוּן אִיהְם אַ וָוארְט?

2.

בֶּערֵיידֶען וִוילְט זִיךְ מִיר נִיט קֵיינֶעם.

מִיט פְּרִיהֶערְדִיגֶען מָשָׁל מַיינֶעם ;
נָאר וִויפִיל פָּארְט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעק.
אַזֶעלְכֶע גְרָאבֶּע. פּוּסְטֶע זֶעק
אִיז אוֹיף דֶער וָועלְט אִיצְט צוּ גֶעפִינֶען.
וָואס פְלֶעגֶען פַאר מְשָׁרְתִים דִינֶען ?
קַבְּצָנִים גְרוֹיסֶע אוּן הוּלְטַאיֶעם.
וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּייא זֵייא אַ נַייֶעם
צוּ זֶעהְן אַ קֶערְבֶּעל אִין דִיא אוֹיגֶען.
זִיךְ פַאר אַ שַׂא צוּ דְרֶערְד גֶעבּוֹיגֶען
אוּן אִיצְט. דוּרְךְ מַעְשִׂים נִיט קַיין רֵיינֶע.
גֶעוָוארֶען זַיינֶען גְבִירִים שֵׁיינֶע
אוּן גְרַאפֶּען. פִירְסְטֶען זַיינֶען הַיינְט
מִיט זֵייא דִיא בֶּעסְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד.
אוּן בַּייא דִיזָעלְבֶּע שֵׁיינֶע לַייט.
דָארְט וואוּ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעשַׂייט
אִין הוֹיז צוּ זֶעצֶען אָן אַ זַייט.
אִין אֵיינֶעם וֶוערְט גֶעשְׁפִּילְט. גֶעלַאכְט—
אִיהְר זֶעהְט שׁוֹין. וָואס אַ קֶערְבֶּעל מַאכְט ?.
נָאר זַייט נִיט. פְרַיינְד. אַזוֹי פַאר רִיסֶען.
אִיהְר ווִילְט דֶעם רֶעכְטֶען אֶמֶת וִויסֶען ?
גָאט זָאל אַייךְ הֶעלְפֶען אוּן בֶּעשֶׁערֶען.
אִיהְר זָאלְט נִיט קַיין מָאל אָרֶעם וֶוערֶען.
וֶוען נִיט. בֶּעקוּמְט אִיהְר אוֹיךְ דֶעם פְּסַק
פוּן אוּנְזֶער פּוּסְטֶען. גְרָאבֶּען זַאק.

# דֶער גְבִיר אוּנ דֶער שוּסְטֶער.

(קְרִילָאוו)

אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר. נִיט אָבְצוּשַׁאצֶען.
אִיז זִיךְ גֶעזֶעסֶען אִין פַּאלַאצֶען.
הָאט גוּט גֶעטְרוּנְקֶען. גוּט גֶעגֶעסֶען.
אִין רַייכְקַייט בִּיזֶעל הַאלְדְז גֶעזֶעסֶען.
הָאט בַּאקָען אַלֶע מָאל גֶעגֶעבֶּען.
גֶעזוּכְט נָאר שְׁטֶענְדִיג גוּט צוּ לֶעבֶּען;
אִיז וֶוער צוּ אִיהְם אִין שְׁטוּב אַרַיין.
כַּאלְד טָארְטֶען. אַיינְגֶעמַאכְטְס אוּנ וַויין.
וָואס דוּא הָאסְט נָאר פוּן אִיהְם פַארְלַאנְגְט.
בַּאלְד מִיט דֶער פוּלֶער הַאנְד דֶערלַאנְגְט;
בְּקִיצוּר שְׁטֶענְדִיג שְׂמְחוֹת. פְרֵיידֶען.
אַזוֹי וִויא אוֹיבֶּען. אִין גַן עֵדֶן.
נָאר אֵיין זַאךְ הָאט גֶעמַאכְט דֶעם שְׂרָרָה
אַ גְרוֹיסֶע דַאֲגָה אוּנ אַ צָרָה.
וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג. נַאכְט פַאר נַאכְט
קַיין אוֹיג נִיט קַיין מָאל צוּ גֶעמַאכְט.
מְשַׁי הָאט עֶר זִיךְ רַק פָארְגֶעשְׁטֶעלְט
דֶעם גֵיהִנָם אָדֶער יֶענֶע וֶועלְט.
אוּנ אֶפְשָׁר. פְלֶעגְט עֶר מוֹרָא הָאבֶּען.
עֶר זָאל זַיין אֵיינֶעם נִיט בֶּעגְרָאבֶּען;
נָאר וָואס עֶס וִויל זִיךְ פַאר אַ שְׁטְרָאף.

עֶס גֶעהֶמְט אִיהְם נִיט קֵיין רוּה אוּנ שְׁלָאף.
אַ מָאל אַפִּילוּ וָואלְט עֶר שְׁלָאפֶען.
הָאט אִיהְם אַ נַייֶער שְׁלַאק גֶעטְרָאפֶען;
גָאט הָאט אִיהְם צוּגֶעשִׁיקְט אַ שָׁכֵן.
דָא אִינְטֶער אִיהְם. פוּן צְוַייא. דְרַייא וָואכֶען.
הָאט אִין אַ דִירָה אַ גַאנְץ קְלֵיינֶער
גֶעוואוינְט אַ שׁוּסְטֶער אַ גֶעמֵיינֶער
פוּן דִיא קַבְּצָנִים. אָרֶעמֶע לַייט.
נָאר פְרֵיילַאך. לוּסְטִיג אַלֶע צַייט.
פוּן קֵיין שׁוּם דַאֲגָה נִיט גֶעטְרַאכְט
אוּנ פוּן גַאנְץ פְרִיה בִּיז שְׁפֶּעט בַּייא נַאכְט.
דִיא בֶּעסְטֶע צַייט פוּן זִיסֶען שְׁלָאף.
גֶעזוּנְגֶען שְׁטֶענְדִיג אָהְן אַ סוֹף
אוּנ הָאט דֶערמִיט. דִיא גַאנְצֶע נַאכְט.
דֶעם גְבִיר פוּן שְׁלָאף אַרוֹיס גֶעבְּרַאכְט.
וָואס מַאכְט דֶער גְבִיר דָא מִיט זַיין שָׁכֵן.
זַיין זִינְגֶען זָאל זַיין אוּנְטֶערבְּרָאכֶען?
אִיהְם הֵייסֶען — הָאט עֶר נִיט קֵיין פְּרַאוו.
אִיהְם בֶּעטֶען — קֶען עֶר זָאגֶען לַאוו;
צוּם סוֹף הָאט זִיךְ דֶער גְבִיר בֶּעדַאכְט:
דֶער שׁוּסְטֶער קוּמְט. „וָואס מַאכְסְט דוּא פָּארְט?"
„אַ דַאנְק אַייךְ. גְבִיר. פַאר אַ גוּט וָוארְט."
„נוּ. זֶעץ דִיךְ. בְּרוּדֶער. בָּרוּךְ הַבָּא:
הָאסְט אַרְבַּייט פִיל. אַבְרָהָם אַבָּא?"

(אַז מִיר בָּעדַארְפֶען הָאבֶּען וָועסֶען;
אִיז שׁוֹין בֶּעוואוּסְט אוּנְז זַיינֶע נֶעמֶען).
„מְלָאכָה. דַאנְקֶען נָאט אַ פַּאק?“
„דֶערִיבֶּער בִּיסְט דוּא פְרֵיילַאךְ רַק?
דוּא מוּסְט זִיךְ לֶעבֶּען גָאר נִיט שְׁלֶעכְט?“
„צוּ זִינְדִיגֶען אִיז דָאךְ נִיט רֶעכְט.
נָאר וָואס וואוּנְדֶערְט אַייךְ דֶען אַזוֹי פִיל?
מְלָאכֶה הָאבּ אִיךְ פִיל אִיךְ וִויל
אוּנ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע בַּעַל־הַבָּיתְטֶע.
אוּנ מִיט אַזוֹי אַ וַוייבּ. אָט הָאסְט דוּא.
וֶוער וֵויים דֶען נִיט. מַיין פְרַיינְד. דֶער פוּן?
אַ לֶעבֶּען וִויא אוּנְטֶער דֶער זוּן!?
„אוּנ הָאסְט דוּא אָנְגֶעקְלִיבֶּען גֶעלְד?
„נֵיין. דָאס אֲפִילוּ עֶפְּטֶער פֶעלְט.
נָאר אִיךְ בִּין קֵיין פַארְבְּרֵיינְגֶער נִיט
אוּנ לֶעבּ אַזוֹי וִויא נָאט מִיר גִיט.“
„דוּא וִוילְסְט דֶען נָאר נִיט וָוערֶען רֵייךְ?
„וָואס זָאל אִיךְ לֵייקֶענֶען פַאר אַייךְ.
חָאטְשׁ דַאנְקֶען. לוֹיבֶּען נָאט דֶערפַאר.
נָאר וֵוייסְט דֶען נִיט אַלֵיין. מַיין הַאר.
אַז כָּל זְמַן מֶענְשֶׁען לֶעבֶּען נָאר.
אִיז זֵייעֶר מִיהֶע גַאנְץ אוּנ גָאר.
וִויא צוּ בֶּעקוּמֶען מֶעהְרֶער גֶעלְד.
אַזוֹי אִיז שׁוֹין אוֹיף אוּנְזֶער וֶועלְט.

אָט דִיר אַלֵיין. מַיין לִיבֶּער גְבִיר.
אִיז אוֹיךְ צוּ וֵוייניג. דוּכְט זִיךְ מִיר.
דֶערִיבֶּער וָואלְט אוֹיךְ נִיט גֶעשַׁאט.
אַז אִיךְ וָואלְט עֶפֶּעס מֶעהְר גֶעהַאט.
״דוּא רֶעטְסְט. מַיין פְרַיינְד. גַאנְץ רֶעכְט אוּנ קְלוּג.
חָאטְשׁ גֶעלְד מַאכְט אוֹיךְ קְלָאפָּאט גֶענוּג
אוּנ אָרֶעמְקַייט אִיז נִיט חֶטְא.
וִויא אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶער עוֹלָם רֶעט.
דָאךְ בֶּעסֶער אִיז שׁוֹין אָבְּצוּקוּמֶען.
אַז אִין קַאמָאר אִיז דָא מְזוּמָן.
אָט. נַא. דָאס זֶעקֶעלֶע מִיט קֶערְבְּלַאךְ.
אִיךְ לִיעֶב דִיךְ. פְרַינְד. וָואס דוּא רֶעטְסְט עֶרְלַאךְ.
גָאט זָאל דִיר זַיין הַצְלָחָה שִׁיקֶען
אוּנ פוּן מַיין הַאנְד זָאלְסְט דוּא בֶּעגְלִיקֶען;
נָאר זָאלְסְט זֵייא נִיט אוֹיף גִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלֶען
אוּנ הַאלְט זֵייא אַיין בִּיז דִיר וֶועט פֶעלֶען.
פִינְף הוּנְדֶערְט קֶערְבְּלַאךְ אִיז דָא פְרַאהֶן.
אַ גוּטֶען טָאג דִיר. לִיבֶּער מַאן!"
דֶער שׁוּסְטֶער חַאפְּט דָאס זֶעקֶעל רִיבֶּעל.
גֶעשְׁווינְד אַוֶועק צוּ זִיךְ אִין שְׁטִיבֶּעל.
אוּנ נִיט גֶעלָאפֶען. נָאר גֶעפְלוֹיגֶען.
דֶעם זַאק אִין פָּארֶע גוּט פַארְצוֹיגֶען
אוּנ הָאט בַּייא נַאכְט אַ טִיפֶע גְרוּבּ
גִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען אִין זַיין שְׁטוּבּ

אוּנ הָאט דֶעם זַאק בַּאגְרָאבֶּען זַיינֶעם
מִיט זַיינֶע פְרֵיילִיכְקַייט אִין אֵיינֶעם.
נִיט נָאר זַיין נִיגוּן אִיז אַנְטְלָאפֶען.
עֶר קֶען שׁוין אוֹיךְ קַיין נַאכְט נִיט שְׁלָאפֶען;
אַלְץ הָאט אִיהְם זָארְגֶען אָנְגֶעמַאכְט,
אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעהַאט פַארְדַאכְט.
וִויא נָאר בַּייא נַאכְט הָאט זִיךְ אַ קַאין
גֶעגֶעבֶּען גְרִרְגֶעץ וואו אַ קְרַאין.
הָאט עֶר גֶעמֵיינְט גַזְלָנִים קוּמֶען.
עֶס הָאט אַ שְׁרֶעק אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען;
עֶר הָאט דֶעם אוֹיצֶר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט.
עֶס וַוארְפְט אִיהְם שְׁטַארְק אִין הִיץ. אִין קֶעלְט.
עֶס גִיסְט אִיהְם אָפּ אַ שְׁוַויים אַ נַאסֶער.
חָאטְשׁ וַוארְף זִיךְ בַּאלְד פוּן בְּרִיק אִין וַואסֶער
דֶער שׁוּכְטֶער שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דֶער דֵעה
עֶר חַאפְּט צוּם סוֹף דֶעם זַאק מַטְבֵּעַ
אוּנ לוֹיפְט אַוֶועק צוּם גְרוֹיסֶען גְבִיר
אוּנ זָאגְט אִיהְם. שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיין טִהִיר.
„אַ דַאנְק דִיר. עוֹשֶׁר. פַאר דַיין גְלִיק!
אָט אִיז דַיין זַאק. נֶעהְם אִיהְם צוּרִיק.
דֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם זַאק
הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁלָאפֶען גַאנְץ גֶעשְׁמַאק. —
גָאט זָאל דִיר גְלִיק אוּנ נַחַת גֶעבֶּען.
דוּא זָאלְסְט אִין רַייכְקַייט שְׁטֶענְדִיג לֶעבֶּען:

נָאר אִיךְ. פַאר מַיינֶע רוּה אוּנ זְמִירוֹת.
וויל קַיים שׁוּם גְלִיק אוּנ קַיין עֲשִׁירוֹת!"

**ע נ ד ע**

...есй Гиршовичъ
Шапиро.

215833

Liet. T. R
Knygų Rūmų
Knygų
Saugykla

BKC Nac. spaud. archyvas
KC
215833
1887

р. м. Е. въ Р."